NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06675

YIDISH

R. Gutman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רפאל גוטמאַן

ייִדיש

צווייטער טייל ·

אילוסטרירטע כרעסטאָמאַטיע צו לערנען קינדער
לייענען און שרייבן יידיש

פערטע אַמעריקאַנער אויפלאַגע

היברו פאבלישינג קאמפאני
77-79 דילענסי סטריט, ניו יאָרק
Printed in U. S. A.

וואָרנונג:

דאָס רעכט אַרויסצוגעבען דיזען בוך אין אַמעריקא און קענעדע האָב איך איבערגעגעבען צו די „סטאַר היבּרו בוק קא.", און קיין אַנדערער האָט דאָס רעכט איבערצודרוקען.

וואַרשא, תרפ"ו רפאל גוטמאַן

די „סטאַר היבּרו בוק קא." מיט אַלע אירע פאַרלאַגסרעכט איז אין יאָר 1935 איבערגעגאַנגען אין איינציקן רשות פון די

היבּרו פּאבלישינג קא., ניו יאָרק

אינהאַלט.

זײַט

צווישן קינדער.

אינדערפרי—(ליד)—נאָך י. ל. פרץ … 5
דאָס קינד און די מאַמע—פון העבר. … 6
אַ מעשה מיט אַ וואָלף— ״ … ״
צום פערדל—(ליד)—משה בראָדערזאָן … 7
דער בער … 8
דריי מלאָכים—(ליד)—מאני לייב … ״
די גוטע יתומה—בר. גרים … 10
אַ רעטעניש … ״
אַ טאַנץ-ליד—פון דײַטש … 11
ליבעלע מזיק—פון העבר. … 12
דעם זיידנס טאַבאַק-פושקע—(ליד)
ל. ק. האָפמאַן … ״
דער צוקער … 14
קו־פט אַ באַראַן—(קינדער-ליד) … ״
די שוועבעלעך … 15
אַ שפּאַס … ״
קויפט, קויפט, קונים—(ליד)—נסתר … ״
וועטשערע … 16
אַ שפּאַס … ״
שוין אָבגעגעסן … ״
אַ שפּאַס … 17
דער יעגער—(ליד)—י. ל. פרץ … ״
דודל … 18
אַ רעטעניש … ״
דאָס יינגעלע—נאָך י. שטיינבערג … ״
די מיידעלע מיט די לופט-באַלאָנען
פון העבר. … 19
שטיפערישע הענטעלעך—(ליד)—פון רוסיש … 20
דאָס ביכל … ״
אַ רעטעניש … ״
שייקעלע-פייקעלע—(ליד)—שעפּס … 21
צלאל דער מאַלער—פריי פון העבר. … 22
אַ רעטעניש … ״
באַהעלטעניש … 23

אין שול.

אלף-בית—(ליד)—י. ראַווין … ״
אַ רעטעניש … 24
חיהלע … 25
די שול—נאָך י. שטיינבערג … ״
דער פוילער—(ליד)—א. לעווין … 26
דער אוריון איז קראַנק … 27

זײַט

אַ רעטעניש … ״
שמואלקע … ״
דער קליינער שמיד—(ליד)—דודל … 28
וואו בין איך—נאָך י. שטיינבערג … ״
דער סמבטיון … 29
שבת—(ליד)—ש. י. אַבראַמאָוויטש … 30
שבת פאַרן נאַכט—י. אדלער … 31
אַ רעטעניש … ״

צווישן בהמות און עופות.

די קאַץ … 32
מיין קעצעלע—(ליד)—י. ל. קוויטקא … 33
אַ רעטעניש … ״
דער הונט … ״
מילך … 35
אַ רעטעניש—אַ שפּאַס … ״
צער-בעלי-חיים—אגדה … ״
דער אייבערשטער און די שעפּס—אגדה … 36
דער אייזל און דער לייב—י. שטיינבערג … 37
יוצא זיין פּאַר אַלעמען—עזאָפּ … 38
מיין זיידנס ברכה—(ליד)—י. יפה … 39
אַ רעטעניש … ״
צדקה—אגדה—בערדיטשעווסקי … 40
שמחת-תורה—(ליד)—נאָך פרוג … 41
די קונדסים—(ליד)—טונקל … 42
דאָס שפּילפייגעלע … 43
אויף דער פריי—(ליד)—ווייסנבערג … 44
אַ טאָפּעלטער מיטל—נאָך ח. נ. ביאַליק … 45
שניי טייבעלעך—(ליד)—י. ל. קוויטקא … 46
חנה מיט אירע זיבן זין—אגדה … 47
קליינע חשמונאים—(ליד) … 48

ווילדע חיות.

די מוטער און דער לייב—פון פראַנצויזיש … 49
דוד המלך—אגדה … 50
דער פוקס און די ווייַנטרויבן—פון רוסיש … 51
דער וואָלף און דער שטאָרך … 52
דער וואָלף און דער הונט … 53
בנימין דער וואָלף—פון פויליש … 54
דער העלפאַנד … 55
שלח מנות—(ליד)—דודל … 56
דער אָדלער—אגדה … 57
משה און דער אָדלער—אגדה … 58

	זייט
אין פעלד.	
א גאסט פארט—(ליד)—מ. טייטש	59
דער בארנעבוים	60
דאס ליד פון ברויט—מאני לייב	61
פארזייט געלט	63
אין ניס—(ליד)—ש. ראבינזאן	63
ברויט מיט פוטער	64
העזעלע—(ליד)—ז. ב.	〃
פארגעס מיך נישט	65
דאס גערטעלע—(ליד)—שרה רייזן	67
די מאי-גלעקעלעך—פון פויליש	68
ארבעטער.	
דער סוחר און דער מאכראט	69
פסח-ליד—ל. קוויטקא	70
א גלייכווארט	〃
דער שוסטער—(ליד)—י. קאצענעלזאן	71
גלייכווארט	〃
די פיס זענען צו גרויס	72
גלייכווארט	〃
דער שניידער—(ליד)—אנ-סקי	73
גלייכווארט	〃
די ארבעטער און די מלכה	74
גלייכווארט	〃
די נייטערקעס—ש. הורוויץ	〃
דער ארעמער טרעגער	75
צוויי ברידער	76
חוני המעגל—אגדה	77
גלייכווארט	〃
פעלד-ארבעט—(ליד)—י. קאצענעלזאן	78
א יעגער—א שלימזל—פון פראנצויזיש	79
דער בער און דער יעגער 〃	80
ל״ג בעומר—(ליד)—י. ל. פרץ	82
ל״ג בעומר—אגדה	83
דער בריליאנט—מ. בערדיטשעווסקי	84
שבועות-מארש—(ליד)—י. קאצענעלזאן	85
גלייכווארט	〃
די מלכה סי-לין-טשי—א כינעזער-אגדה	76
דאס געבעט—(ליד)—א. רייזן	87
מעשהלעך.	
גאנצע קאזאק—(ליד)—מ. באסין	88
די מעשה מיטן רבס זון—מ. ראפאפארט	90
דער מלך און דער רב—יאנוש קארטשאק	92
דאס וואונדערליכע מילכל—א נארוועגישע לעגענדע	94—96



אינדערפרי.

שטייט אין פעלד אַ ביימעלע,
האָט עס גרינע צווייגעלעך,
זיצט דערויף אַ פייגעלע,
מאַכט עס אויף די אויגעלעך.

אויף די גרינע צווייגעלעך
וואַקסט אַ גאָלדן עפּעלע, —
מאַך אויף, מיין קינד, די אויגעלעך,
אַ בּרָכָה אויף דיין קעפּעלע.

דאָס קינד און די מאַמע

די מאַמע: וואָס וויינסטו, מיין קינד?
דאָס קינד: איך האָב זיך נעכטן צוהאַקט דעם פינגער.

די מאַמע: האָסטו בעדאַרפט וויינען נעכטן, נישט היינט!

דאָס קינד: נעכטן? אַזוי... אָבער נעכטן — ביסטו דאָך נישט געווען אין שטוב.

אַ מעשה מיט אַ וואָלף

— זיידעניו, דערציייל מיר אַ מעשה, דערצייל!
קום, מיין קינד, איך וועל דיר דערציילען:

— אַמאָל איז געווען אַ וואָלף, דער וואָלף האָט גע־האַט הערנער.

— ניין, זיידעניו, דאָס איז דאָך נישט קיין וואָלף, אַ קוּ האָט הערנער.

— יאָ, מיין קינד, דאָס איז אַ קוּ. איך וועל אָנהייבען פון דאָסניי.

— עס איז אַמאָל געווען אַ וואָלף, האָט ער געהאַט פליגלען.

— ניין, ווידעניו, דאָס איז אַ פֿייגעל נישט קיין וואָלף.

— יאָ, מיין קינד, דאָס איז טאַקי אַ פֿייגעל. איך וועל אָנ־הייבען די מַעֲשֶׂה פֿון דאָס ניי: אמאָל איז געווען אַ וואָלף, האָט ער געהאַט צוויי הענט און צוויי פֿיס.

— ניין, ווידעניו, דאָס איז נישט קיין וואָלף, דאָס איז אַ יינגל. יאָ, מיין קינד, דאָס איז טאַקי אַ יינגל, נאָר דאָס יינגל הייסט—וו אָ ל ף!...

צום פֿערדל.

היי, היי, היי!
וואָס שרייט דאָס פֿערד אַזוי?
וואָס רופֿט דאָס פֿערד אַזוי?
וויי, וויי, וויי!
דאָס פֿערדל וויל דאָך היי!
דאָס פֿערדל חַלשט היי!
היי! היי! היי!
וואָס טויג דיר דיין געשריי?
פֿערדעלע, אוי וויי!
היי! היי! היי!

אָט איך לויף! אָט, איך גיי!
אָט קום איך—איינס און צוויי!
היי! היי! היי!
אָט האָסטו דיר אַ „ה"—
און סידורל אַ „ה".

דער בער.

אמאָל איז אַ הונגעריגער בער געקומען אין אַ דאָרף. זעט ער, עס שטייט אַ קליין הייזל, און אין הייזל זיצט אַ אַלטיטשקע און וויגט אַ קינד. הערט ער, די אַלטע זאָגט:

— וויין נישט, איך וועל דיך באַלד אָבגעבען דעם בער.

שטעלט זיך דער בער און וואַרט, די אַלטע זאָל אים אָבגעבן דאָס קינד. אינדעם הערט ער, די אַלטע זאָגט אַזוי:

— וויין נישט, מיין קינד, אז עס וועט קומען דער בער, וועל איך אים מיט אַ האַק דעם קאָפּ צושפּאַלטען.

ווי דער בער האָט דאָס דערהערט, האָט ער באַלד געמאַכט פיס אין וואַלד אַריין.

דריי מלאָכים.

איי לי ליו ליו, איי לי ליו,
מאַך, מיין קינד, די אייגלאַך צו.

דריי מאָל קרייט דער רויטער האָן,
קומען דריי מלאָכים אָן.

שיינע קרוינען טראָגן זיי,
צו דיין וויגל קומען זיי;

ווייסע פליגלען האָבן זיי,
מיט די פליגלען פאָכען זיי;

פֿאָכען לײַכט, און פֿאָכען לינד
אַרום דאָס וויגל פֿון מײַן קינד.

— ערשטער מַלאָך אין דער נאַכט,
וואָס האָסטו מײַן קינד געבראַכט?

זאָגט דער מלאָך:—אין מײַן קרוין
האָב איך אַזאַ כּישוף-שטיין,

טו איך מיטן שטײַן אַ דריי,
אויף דײַן קינד אַ דריי אַזוי,

וועט ער האָבן לאַנגע יאָר
און דערלעבן גרויע האָר.

„קוקוריקו ריקו האָן".
טוט אַ קריי דער רויטער האָן.

און דער מלאָך פֿון זײַן קרוין
נעמט אַרויס דעם כּישוף-שטיין,

טוט אַ דריי אים אויף מײַן קינד
פֿליט צום באַלקן און פֿאַרשווינדט.

— צווייטער מלאָך אין דער נאַכט,
וואָס האָסטו מײַן קינד געבראַכט?

זאָגט דער מלאָך:—אין מײַן קרוין
האָב איך אַזאַ איידעלשטיין,

טו איך מיטן שטײַן אַ דריי,
אויף דײַן קינד,—אַ דריי אַזוי,

וועט ער לערנען גוט און פֿײַן,
וועט אַ תּלמיד-חכם זײַן.

„קוקוריקו ריקו האָן",
טוט אַ קריי דער רויטער האָן.

און דער מלאָך פֿון זײַן קרוין
נעמט אַרויס דעם איידלשטיין,

טוט אַ דריי אים אויף מײַן קינד,
פֿליט צום באַלקן און פֿאַרשווינדט.

— דריטער מלאָך אין דער נאַכט,
וואָס האָסטו מײַן קינד געבראַכט?

זאָגט דער מלאָך:—אין מײַן קרוין
האָב איך אַזאַ דימענטשטיין,

טו איך מיטן שטיין אַ דריי,
אויף דײַן קינד, אַ דריי אַזוי,

וועט ער זײַן אַ גרויסער גביר,
האָבן אוצרות אָן אַ שיעור.

„קוקוריקו ריקו האָן",
טוט אַ קריי דער רויטער האָן.

און דער מלאָך פֿון זײַן קרוין
נעמט אַרויס דעם דימענטשטיין,

טוט אַ דריי אים אויף מײַן קינד,
פֿליט צום באַלקן און פֿאַרשווינדט.

איצטער שלאָפֿט דער רויטער האָן,
ווײַל ער האָט נישט וואָס צו טאָן;

אײַ לי ליו ליו, אײַ ליו ליו,
מאַך, מײַן קינד, די אייגלאַך צו!

אַ רעטעניש—אַ שפּאַס: פֿאַר וואָס קרייט אַ האָן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן?

די גוטע יְתוֹמָה.

עס איז אמאל געווען א קליין מיידעלע. זענען געשטארבן איר טאטע און מאמע. דער מיידעלע איז געבליבן בלויז איין העמד אויפן לייב און איין טיכל אויפן קאפ. גוטע מענשן האבן רַחֲמָנות געהאט אויף איר, און האבן איר געגעבן א שטיקל ברויט. דאס מיידעלע האט גענומען דאס ברויט און איז אוועק אין פעלד.

קומט איר אנטקעגן אן אלטיטשקער און זאגט צו איר אזוי:

איך בין הונגעריג, טאכטערל; אֶפְשָׁר האסטו עפעס צום עסן? — האט דאס מיידעלע גענומען איר שטיקל ברויט און געגעבן דעם אלטן.

קומט איר אנטקעגן א קליין קינד און זאגט צו איר אזוי:

מיר איז אזוי קאלט; אֶפְשָׁר האסטו מיט וואס זיך צוצודעקן? נעמט דאס מיידעלע און גיט איר אוועק דאס טיכל.

האבן דאס דערזעען די שטערן אין הימל, האבן זיי איינער צום אנדערן אזוי געזאגט: לאמיר אראבגיין זיך שפילן מיט דער גוטער מיידעלע.

און די שטערנס האבן גענומען פאלן פון הימל צו אירע פיס. ווען די שטערנס זענען אראבגעפאלן, איז פון זיי געווארן פינקעלדיגע מַטְבֵּעות, זילבערנע און גאלדענע מַטְבֵּעות.

אַרעטעניש: צוויי פאטערס און צוויי זין האבן געהאט 3 עפל. יעדערער צו איין עפל. ווי קען דאס זיין?

א טאַנץ-ליד.

ליבע שוועסטער, טאַנץ מיט מיר,
ביידע הענד אָט גיב איך דיר.
אַמאָל אַהין, אַמאָל אַהער,
עס איז דאָך גאָר נישט שווער.

נאָך אַמאָל די שיינע שפּיל,
טאַנץ זשע, טאַנץ זשע מיט געפיל.
אַמאָל אַהין אַמאָל אַהער,
עס איז דאָך גאָר נישט שווער.

אַי! דו האָסט זיך שיין געמאַכט,
כּדאָט זיך מיר גאָר נישט געדאַכט.
אַמאָל אַהין, אַמאָל אַהער,
עס איז דאָך גאָר נישט שווער.

לײבעלע מַזיק.

„לײבעלע מַזיק“ — אַזוי פֿלעגן אַלע קינדער רופֿן דעם קלײן לײבעלע, װײל ער פֿלעגט שטענדיג מאַכן שאָדענס.

װער האָט אױסגעהאַקט די שױב אין חֶדֶר?

— לײבעלע מַזיק.

װער האָט אױסגעגאָסן די טינט?

— לײבעלע מַזיק.

און לײבעלע מַזיק פֿלעגט שרײַען אין אײן קול:

— נישט איך! נישט איך!

מאַכט זיך, אַז דער רֶבּי קומט אין חֶדֶר פֿאַרהערן די קינדער. פֿרעגט דער רֶבּי לײבעלען:

װער האָט באַשאַפֿן דעם הימל מיט דער ערד?

— נישט איך! נישט איך! — רופֿט זיך אָפּ לײבעלע.

— װאָס??

— איך װעל דאָס שױן מער נישט טאָן, רֶבּי, — מאַכט לײבעלע מַזיק, און צוכליפּעט זיך אױפֿן קול.

דעם זײדנס טאַבאַק־פּושקע.

— זײדע, װײַז דײַן טאַבאַק־פּושקע,
איך װיל אױך אַ שמעק.
— גײ, דו ביזט אַ שטיפֿער —
זאָגט ער,
און ער גײט אַװעק.

טראַכט איך, אַז דער זײדע
טשלאָפֿן,
קײנער װעט נישט זײַן,
װעל איך אױף די שפּיצן פֿינגער
אין זײַן שטוב אַרײַן.

אויסזוכן די פּושקע
טאַבאַק
אין זײַן לאַנגן ראָק,
אָנמעסטן די גרויסע ברילן,
אומגיין מיט זײַן שטאָק.
טאַבאַק וועל איך
קענען שמעקן,
וויפל נאָר איך וויל,
וועל איך אויסזען
ווי אַ זיידע —
אוי, א שיינע שפּיל!
שאַ, דער זיידע מוז
שוין שלאָפֿן —
בין איך באַלד בײַם טיר;
שפּאַן אַרײַן צו אים
אין קאַמער,
ס'הערט זיך נישט קיין ריר.
כאַפּ איך זיידנס ראָק פֿון בעטל,
זוך די טאַבאַק אויס,
נעם דעם שטעקן און די ברילן
און איך גיי אַרויס...
שטעל איך זיך אַנטקעגן שפּיגל
אין דעם זיידנס ראָק,
מיט די ברילן אויף די אויגן,
אין מײַן האַנט דעם שטאָק.
וויל איך עפֿענען די פּושקע,
קאָן איך נישט — סאיז שווער;
רײַס איך זי מיט אַלע כּוחות,
דריי זי הין און הער.
ביז עס רײַסט זיך אויף דאָס דעקל
מיט אַ גרויסן קנאַל;
פֿליט אין נאָז און אין די אויגן
טאַבאַק ביטער גאַל...
האַפּטשי! האַפּטשי! זיידע! זיידע!
גיכער קום אַהער!
האַפּטשי! אוי, די אויגן, זיידע!
כוועל נישט טאָן דאָס מער!
קומט דער זיידע שנעל צו לויפֿן...
„האַפּטשי! וואָס איז דאָס?"
— אוי, מיר ביטער אין די אויגן,
ביטער דאָ אין נאָז!
„זעסט — זאָגט ער — וועסט נאַשן
טאַבאַק,
אַז דער זיידע שלאָפֿט?"
כ'ווייס — איך בין געווען
אַ שלעכטער,
האָט מיך גאָט געשטראָפֿט...

דער צוקער.

איינמאָל האָט די מאַמע געשיקט איר קליין חײמקען קויפן צוקער. אויף צוריקוועג איז חײמקע אומגעפאלן, און דער צוקער איז אריינגעפאלן אין רינע. חיים הויבט אויף דעם צוקער און זעט, ער איז נאַס. זעצט ער זיך אויף דער ערד און נעמט דעם צוקער לעקן. די מאַמע זעט, חײמקע איז נישטאָ, גייט זי זוכן, וואָס איז די מעשה, זעט זי, ווי חײמקע זיצט און עסט צוקער.

— איך זיינג אוים די וואסער פון צוקער, מאכט חײמקע צו דער מאַמען.

קויפט אַ באַראַן.

קויפט, קויפט —

אַ באַראַן!

— ווי טייַער?

אַ דרייַער.

— ווי מקח?

אַ לעקאַך.

— ווי שאַץ?

אַ פּאַטש!

★ ★ ★

די שוועבעלעך.

אַמאָל האָט דער טאַטע געשיקט זײַן יינגל אין געוועלב קויפֿן שוועבעלעך. דאָס יינגל האָט געבראַכט די שוועבעלעך, דער פֿאָטער וויל אָנצינדען, ברענען זיי נישט.

— וואָס פֿאַר אַ שוועבעלעך האָסטו געקויפט? זיי ברענען דאָך נישט.

— ניין, טאַטע, מאַכט דאָס יינגל, — די שוועבעלעך זענען זייער גוטע, איך האָב אַלע אויסגעפּרובט און אָנגעצונדן, האָבן זיי אַלע געברענט.

אַ שפּאַס: פֿאַר וואָס קויפט אַ גַלָח אַ שטעקן?
פֿאַר וואָס נעמט מען אַראָב די היטל פֿאַר אַ עלטערן?

קויפט, קויפט, קונים.

קויפט, קויפט, קונים!
איך האָב אייך צו פֿאַרקויפן:
אַ פֿערדעלע, אַ וועגעלע,
אויף רייטן און אויף לויפן.

קויפט, קויפט, קונים!
מיר וועלן זיך נישט דינגען,
כ'האָב מענשעלעך, פּאַיאַצעלעך,
וואָס ברעכן זיך און שפּרינגען.

פּאַיאַצעלעך און שמענדריקלעך,
מיט קאָלפּאַקלעך און גלעקעלעך,
מיט רויטע, געלע הויזעלעך,
מיט אָנגעפאַרבטע בעקעלעך.

טאָ קומט, קומט, קונים,
בעקאַנטשאַפט מיט מיר מאַכן;
כ'האָב צאַצקעלעך און שפּילעכלעך
און אַלע גוטע זאַכן.

וועטשערע.

איינמאָל אין אָוונט גיט די מאַמע יאַנקעלען ברויט מיט פּוטער.

זאָגט יאַנקעלע:

— איך וויל נישט קיין ברויט מיט פּוטער, איך וויל וועטשערע.

גיט אים די מאַמע אַן איי, זאָגט יאַנקעלע:

— איך וויל נישט קיין איי, גיב מיר וועטשערע.

גיט אים די מאַמע אַ גלאָז מילך. זאָגט יאַנקעלע:

— איך וויל נישט קיין מילך.

האָט אים די מאַמע געגעבן עפּל, באַרנעס, פלוימען. נאָר יאַנקעלע שרייט אין איין קול:

— איך וויל דאָס נישט, דאָס וויל איך נישט.

— וואָס זשע ווילסטו, פרעגט די מאַמע, אפשר דעם טעלערל פון הימל?

— ניין, ענטפערט יאַנקעלע, איך וויל וועטשערע.

אַ שפּאַס: וווען איז אַן איי געשמאַק?

שוין אָבגעגעסן.

— מאַמע איך בין הונגעריג, גיב מיר עסן.

די מאַמע האָט אוועקגעשטעלט אויפן טיש פלייש מיט יויך און שׂרהלע האָט דערוויל איבערגעחזרט די לעקציע, — ביז עס וועט זיך אויסקילן, האָט זי געכלערט. דערוויל

האָט די קאַץ אויפגעגעסן דאָס פלייש. שָׂרָה ענדיגט די לעקציע און וויל זיך נעמען צום פלייש—דאָס פלייש איז נישטאָ.

וואו איז דאָס פלייש? מִסְתָּמָא האָב איך עס שוין אויפגעגעסן.

אַ שפּאַס: פון וועלכע כֵּלִים קען מען נישט טרינקען?

דער יעגער.

יאַנקעלע וויל אַ יעגער זיין,
יאַנקעלע וויל אין וואַלד אַריין,
שיסן וויל ער נאָר אַ בער—
וואו נעמט מען דאָך געווער?

אונזער יאַנקעלע דערזעט:
אין ווינקעלע אַ בעזים שטייט.
מיטן בעזים וועט ער יאָגען
און אַ גרויסן בער דערשלאָגן!

ער קאָן אין שטוב שוין מער נישט בלייבן,
וויל דעם בעזים אונטערהויבן,
שווערער בעזים קערט זיך איבער,
און דער יעגער פאַלט אַריבער.

נישט קיין בער און נישט קיין האָז,
און צעשלאָגן זיך די נאָז!
ער וויל שוין נישט אין וואַלד אַריין,
ער וויל שוין נישט קיין יעגער זיין!

דוֹדל.

די מאַמע איז אריין אין שטוב, זעט זי: אז בײ דער קאַץ איז צום עק צוגעבונדען די קאָך-לעפל.

— דודל — פרעגט די מאַמע, ווער האָט דאָס געטאָן, דו?

— ניין, מאַמע, האָט דודל געענטפערט, שמעון האָט דאָס געטאָן, נישט איך.

— פאַרוואָס האָסטו דאָס אים געלאָזן?

— איך בין געוועזן פאַרנומען.

— וואָס האָסטו געטאָן?

— איך האָב צוגעהאַלטן די קאַץ, זי זאָל נישט אַנטלויפן.

אַ רעטעניש: מײַן טאַטענס אַ זון און מײַנער נישט קיין ברודער, ווי קען דאָס זײַן?

דאָס ייִנגעלע.

אַמאָל איז געווען אַ קליין ייִנגעלע. פלעגט דאָס ייִנגעלע נישט וועלן זיך צוואָגן, און קאַמען. איינמאָל בייַנאַכט, ווען דאָס ייִנגעלע איז געגאַנגען שלאָפן, זעט ער, עס גייען צו אים הײשעריקן, זייער אַ סך הײשעריקן. די הײשעריקן גייען צו אים, זיי שטעקן אים אַריין קאַמען אין די האָר און שלעפן אים; ווייל דאָס ייִנגעלע שרייען, קען ער נישט. ער האָט אַ פולע מויל מיט זאַמד, און די הײשעריקן שלעפן דאָס ייִנגעלע. ער וויל שרייען: טאַטע, ראַטעווע, נאָר—ער קאָן נישט. האָט ער

אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט די פיסעלעך אין בעט, און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. פון דעמאָלט אָן פלעגט דאָס יינגערע אַליין בעטן דער מאַמען אַלע פרייטאָג, זי זאָל אים אויסצוואָגן.

די מיידעלע מיט די לופט-באַלאָנען.

אַמאָל איז געווען אַ קליין מיידעלע. איינמאָל איז זי געגאַנגען מיט דער מאַמען שפּאַצירן. זעט זי—אַ ייד טראָגט באַלאָנען צום פאַרקויפן. בעט זי: מאַמע, קויף מיר אַ באַלאָן. גייט די מאַמע צום יידן, אַ באַלאָן קויפן. גיט איר דער ייד אַ געלן באַלאָן, וויל דאָס מיידעלע נישט. גיט ער איר אַ בלויען, וויל זי נישט, גיט ער איר אַ גרינעם, אַ רויטן, אָבער דאָס מיידעלע וויל אַלץ נישט. נעמט דער ייד און גיט אַוועק דער מיידעלע אַלע באַלאָנען. ווי דאָס מיידעלע האָט גענומען די באַלאָנען אין האַנט, האָט זי אָנגעהויבן פליהען אין דער הויך.

שטיפערישע הענטעלעך.

— אָ, איר הענטעלעך—קונדסים!
כווער דאָך פּשוט קראַנק פון אייך;
כקער זיך אָפּ נאָר אויף אַ ווײַלע—
מאַכט איר אָן הזיקות גלייך!

אָט האָט איר אַ בילד צעריסן,
אָט אַ שוועבעלע פאַרברענט,
אָט די שליסלען ביי דער מאַמען
צוגענומען פון די הענט.

כהאָב נישט לאַנג געקויפט אַ ליאַלקע
און געוואָרנט: „היט דאָס אָפּ!"
כקוק זיך אום—די ליאַלקע ליגט שוין
אָן אַ פוס און אָן אַ קאָפּ.—

דאָס ביכל.

איינמאָל האָט דער טאַטע געבראַכט יאָסעלען אַ ביכל. אין ביכל זענען געווען אויסגעמאָלט שיינע זאַכן: אַ ייִנגל, אַ מיידל, אַ פערד, אַ הונט, אַ קאַץ. יאָסעלע מישט איבער אַ בלאַט, זעט

ער—אַ בער. יאָסעלע האָט פֿיינט אַ בער. נעמט ער אַ מעסערל און צושניידט דעם בער. ער מישט צוריק איבער די בלאַט, זעט ער: דאָס יינגעלע איז אויך צושניטן געוואָרן.

אַ רעטעניש: נישט קיין בוים און האָט בלעטער; נישט קיין העמד און איז גענייט; נישט קיין מענש און דערציילט מעשהלעך.

שייקעלע־פּייקעלע.

שייקעלע־פּייקעלע
שמט אין דער גאַס:
אַ יינגל—אַ מזיק,
אַ פֿייער—אַ שפּאַס!
אַלץ קאָן ער, אַלץ ווייס ער,
סאיז גאָרנישט אים שווער;
דערלאַנגט אים נאָר ברעטלעך
מיט טשוועקעס אַהער,
באַלד מאַכט ער אַ שיפֿל
און לאָזט זיך העט־העט
דורך טייכן, דורך ימען,
דורך לענדער און שטעט.
און זאָל ער נאָר פֿעדערן
האָבן אַ סך,—
באַלד מאַכט ער זיך פֿליגלען
און פֿליט ביזן דאַך.

שייקעלע־פּייקעלע!
ער מאַכט נאָך דאָס זשומען,
פֿון בין און פֿון פֿליג,
ער קרייט, ווי אַ הענדל,
און שפּרינגט, ווי אַ ציג.
ער בילט, ווי אַ הינטל,
און וויינט, ווי אַ קינד,
ער ברומט און ער וואָיעט,
אַזוי ווי דער ווינט.
ער מעקעט און בעקעט
און קלאַפּט אין אַ טאַץ,
מיאַאוקעט און יאָמערט,
אַזוי ווי אַ קאַץ.
ער מאַכט־נאָך, ווי פייגעלאַך
עסן—פּיק־פּיק!
ער רייט אויף אַ בעזים
און גייט אויף אַ שטריק.
ער גלאָצט. ווי אַ גזלן
די אויגן—אַ שרעק!
דאַן ווייזט ער דאָס צינגל
און שפּרינגט זיך אוועק...

צַלְאֵל דער מאַלער.

צַלְאֵל פלעגט שטענדיג נאָר מאָלן. ער פלעגט מאָלן מיט בלייפעדער, מיט טינט, מיט קרייד און אפילו מיט קויל. און וואָס ער פלעגט קריגן, פלעגט ער כְּסֵדֶר אויף דעם מאָלן: אויף פּאַפּיר, אויפן טיש, אויף די ווענט און אַמאָל אויך ביים חַבֵר אויפן פלייצע.



איינמאָל גייט צַלְאֵל מיט זיין הונט לוטעקן אין גאַס, זעט ער אַ שטיק קויל ליגט. נעמט צַלְאֵל די מְצִיאָה, שטעלט זיך לעם אַ וואַנד און מאָלט אויס אַ גרויסן שוואַרצן הונט.

זעט לוטעק—אַ הונט, נעמט ער הויך בילן: „האַו, האַו, האַו"! האָבן דאָס דערהערט אַנדערע הינט, זענען זיי זיך צונויפגעלאָפן, אָנגעפאַלן דעם אויסגעמאָלטן הונט און אין איין קול געבולן: „האַו-האַו-האַו".

אַ רעטעניש: וואָס פאַר אַ הונט קען נישט בילן?

באַהעלטעניש.

פייגעלע מיט בערעלען האָבן זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש. בערעלע האָט זיך באַהאַלטן הינטערן אויוון. פייגעלע האָט אים געזוכט. זי האָט אים אויסגעזוכט אומעטום: אין בעט, אונטערן בעט, אונטערן טיש, און זי האָט אים נישט געפונען. צום סוף איז בערעלע אַרויס פון הינטערן אויווּעלע און געזאָגט: קו—קו. נאָכדעם האָט זיך פייגעלע באַהאַלטן אין שראַנק און בערעלע האָט געזוכט זי. בערעלע גייט צו צום שראַנק, שרייט פייגעלע פון שראַנק אַרויס: זוך מיך נישט אין שראַנק, איך בין דאָ נישטאָ.



אַלף-בית-ליד.

א, בּ, ב:
זייט נישט קינדער בייז,
זאָגט מיר, ווער עס ווייס.
— פרעג געזונטערהייט,
אונזער ענטפער איז גרייט.

ג, ד, ה:
וואו עס וואַקסט דער טיי?
— ווײַט אין הייסן לאַנד.
ווער עס לייגט אַן איי?
— הינדעלע אין זאַמד.

ג, ז, ח:

װען עס שמעקט דער בעז?
— אין דעם חודש מאַי.
װער עס גיט אונז קעז?
— קיעלאַך געטרײַ.

ט, י, כּ:

װער עס היט די שאָף,
װײסט דערבײַ פֿון שלאָף?
— סהינטל היט און װאַכט
סײַ טאָג, סײַ נאַכט.

ל, מ, נ:

װאו גײט אויף די זון?
— װײַט אין מיזרח־זײַט.
װען װאַכט אויף אַ בלום?
— גלײַך באַגינען־צײַט.

ס, ע, פּ:

װען עס פֿאַלט דער שניי?
— װינטער, װען ס׳איז קאַלט.
װאו עס װאַקסט דער היי?
— אויף אַ לאָנקע, װאַלד.

פֿ, צ, ק:

װער מאַכט פּיף, פּאַף, פּוף
בײַ דעם האָרנס רוף?
— נאָר דער יעגער שטיל
שיסט פֿון ביקס אין ציל.

ר, ש, ת:

אַלץ געטראָפֿן, איך האָף
האָט איר סוף־כּל־סוף?
— יאָ, געװיס, װי דען,
יעדער װײס און קען.

אַ רעטעניש: װיפֿיל אותיות איז דאָ אין אַלף בית?



חַיֶהלע.

חַיֶהלע האָט געוואָלט קענען שרייבן און לייענען, נאָר חַיֶהלעס מאַמע האָט נישט געהאַט קיין געלט אויף א פענע מיט פאַפיר. איינמאָל קומט חַיֶהלע צו דער מאַמען מיט א שטעקעלע אין האַנט. מאַמע — זאָגט זי — לערן מיך אויס שרייבן: שרייב מיט דעם שטעקל אויפן זאַמד און איך וועל נאָכשרייבן. דער מאַמען איז געפעלן היהלעס אויפטו, און זי האָט איר אזוי געלערנט, ביז חַיֶהלע האָט זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן.

די שול.

איינמאָל איז די מאַמע געגאַנגען שפּאַצירן מיט אירע צוויי קינדער, משֶהלע און חַיֶהלע. אויפן וועג זעט משֶה א גרויס הויז מיט א סך פענסטער, און דורך די פענסטער זעט ער א סך קינדער. „וואָס איז דאָס פאַר א הויז?" פרעגט ער דער מאַמען. — דאָס איז א שול, — האָט די מאַמע געענטפערט. — דאָרטן קומען קינדער און לערנען אזוי לאַנג ביז זיי ווערן

גרויסע מענטשן. משה זעט, אַ קליין ייִנגל גייט טאַקי דאָרטן אַריין, האָט ער אים זייער מקנא געווען.

די מאַמע איז מיט די קינדער אַוועקגעגאַנגען. צוריקוועגס זעט משהלע, ווי דער לערער גייט אַרויס פון שול, פרעגט ער דער מאַמען: מאַמע, מאַמע, דאָס איז אַוודאי דאָס ייִנגל, וואָס איז פריער אַריינגעגאַנגען, — איצט איז ער שוין אַזאַ גרויסער!

דער פוילער.

מאירקע דער פוילער
וויל אין שול נישט גיין,
זאָגט ער צו דער מאַמען:
„איך בין נאָך צו קליין“.

נאָר די מאַמע שיקט אים
פרי אין שול אַריין,
גענעצט ער און ציט זיך,
וויל אין שול נישט גיין.

שרייט אויף אים די מאַמע
„מאירקע, דו סטגיין“.
וויינט ער, קלאָגט מיט טרערן,
רעדט צו זיך אַליין:

— אוי, אוי, מאַמע, מאַמע!
סטוט מיר וויי דער קאָפּ,
כקען קיין טריט נישט שטעלן—
און פאַלט גאָר ווי אַ סנאָפּ.

„שיק איך נאָך אַ דאָקטאָר“,
זאָגט די מאַמע באַלד,
וועסטו טרינקן רפואות
ביטערע ווי גאַל“.

— אַ ניין, מאַמע, מאַמע,
כוועל שוין קראַנק נישט זיין,
כוועל שוין לויפן גיכער,
גיך אין שול אַריין“.

דער אויוון איז קראַנק.

חַיִמקע איז געלעגן אין בעט קראַנק. די מאמע איז צוגעגאַנגען צו אים, אַ טאַפּ געטאָן זיין שטערן און געזאָגט: דער קאָפּ איז ביי דיר וואַרים, שלאָף, מיין קינד, שלאָף.

וואָס איז, אַז דער קאָפּ איז וואַרים? האָט חַיִמקע געפרעגט.

דאָס איז אַ סִימָן, אַז דו ביסט נישט געזונט, האָט די מאַמע געזאָגט. ווען חַיִמקע איז געזונט געוואָרן און איז שוין אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב, גייט ער איינמאָל צו צום אויוון, טוט אים אַ טאַפּ און זאָגט:

— מאַמע, מאַמע, דער אויוון איז קראַנק, ער איז וואַרים.

אַ רעטעניש: וויפיל שויבן באַדאַרף מען אויף אַ גאַנצן פענסטער?

o═o═o

שמואלקע.

די מאַמע האָט געלערנט איר שמואֶלקען דֶרֶך־אֶרֶץ „אַז דו וועסט קומען אין שטוב אינדערפרי, זאָלסטו זאָגן: „גוט מאָרגן", אין אָוונט, זאָלסטו זאָגן: „גוטן אָוונט", שַבָּת זאָלסטו זאָגן: „גוט שבת" און יום־טוב זאָלסטו זאָגן: „גוט יום טוב"!

איינמאָל שַבָּת נאָכן עסן איז שמואלקע געקומען צו זיַין פעטער. אַריינגייענדיג אין שטוב, האָט ער געשווינד געכאַפּט און געזאָגט: „גוט מאָרגן", „גוטן אָוונט", „גוט שבת", „גוט יום טוב".

דער קליינער שמיד.

וואָס מיר העפטן, ביכער פענעם,
וואָס מיר שרייבן, וואָס מיר מעקן?
כבין אַ שמיד, איך האָב אַ האַמער,
אַ קאָוואדלע און אַ שטעקן;

און איך קלאַפּ זיך מיטן האַמער,
טראַך און טראַך און טאַ=ראַ=ראַך!
און איך שמיד דיר אויס פון שטעקן,
וואָס דו ווילסט נאָר פאַר אַ זאַך;

ווילסטו, מאַך איך דיר אַ ביקסל,
ווילסטו, שמיד איך אויס אַ שווערד—
כבין אַ שמיד און קלאַפּ מיט כּוח,
אַז עס טרייסלט זיך די ערד!

וואו בין איך?

מְנַשֶׁה האָט געהאַט אַ קורצען זִכָּרון. אינדערפרי ביַים אויפשטייך האָט ער אָנגעהויבען צו זוכן זיַינע זאַכן. ער האָט נישט געדיינקט, וואו ער האָט זיי אַוועקגעלעגט. האָט זיי די מאַמע געמוזט געפינען.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנגעטאָן, האָט ער אָנגעהויבן זוכן זיַינע ביכער און העפטן. ער האָט געזוכט און געזוכט און נישט געפונען. „אוי וויי!“ האָט מְנַשֶׁה געוויינט און געשריען: „ווער האָט גענומען מיַינע ביכער? ווער האָט גענומען מיַינע העפטען?“

— „קורצער זִכָּרון!“ האָט אים זיַין שוועסטער געזאָגט: „דו האָסט זיי דאָך אַליין אויפן פענסטער אַוועקגעלייגט“.

דערווײַל האָט מְנַשֶׁה, זוכענדיג פערשפעטיגט אין שול, און דער לערער האָט זיך אויף אים דערפאַר אָנגעבייזערט.

און אַזוי פלעגט מְנַשֶׁה זייער אָפט פאַרשפעטיגן אין שול.

איינמאָל האָט זיך מְנַשֶׁה דערקלערט, וואָס צו טאָן, ער זאָל נישט פאַרשפעטיגן. ער האָט גענומען אַ שטיקל פאַפיר און פאַרשריבן: מײַנע זאַכן זענען אויפן שטול; די שיך — אונטערן שטול; די העפטן — אין בוך; דאָס בוך — אין רענצל; דער רענצל — אויפן טיש, און איך בין אין בעט. און דאָס צעטל האָט ער אונטערגעלייגט אונטערן קישן.

ווען ער האָט זיך אויף מאָרגן אויפגעכאַפּט, איז ער פלינק אַראָבגעשפּרונגען פון בעטל, האָט אַרויסגענומען דאָס צעטל און גענומען קוקן, צו אַלץ איז אויפן אָרט: די זאַכן אויפן שטול — זענען דאָ; די שיך אונטערן שטול — אויך דאָ; דאָס העפט אין בוך — אֱמֶת; דאָס בוך אין רענצל — איז דאָ; דאָס רענצעל אויפן טיש — ריכטיג; און איך אין בעט?

מְנַשֶׁה האָט אויפגעהויבן די קאָלדרע, געטאַפּט, געזוכט, און האָט דאָרט קיינעם נישט געפונען. ער איז געשטאַנען פאַרוואונדערט און האָט געפרעגט: „און וואו בין איך?"

דער סַמְבַּטְיוֹן.

דער רֶבִּי האָט דערציילט:

עס איז דאָ אַ גרויסער טייך מיטן נאָמען סַמְבַּטְיוֹן. די גאַנצע וואָך פאַלט איבערן סַמְבַּטְיוֹן אַ האָגל פון גרויסע שטיינער. דאָס וואַסער זידט און רוישט, און קיינער קאָן דעם טייך נישט אַריבערגיין. און אויף יענער זייט טייך איז דאָ אַ שיין לאַנד, און יידן וואוינען דאָרטן; מען רופט זיי „בְּנֵי מֹשֶׁה".

נאָר שַבָּת הערט אויף דער האָגל, און דער טייך רוט און פליסט באַזאכט.

פרייטאָג איז שִמעון צוגעגאנגען צום טאַטן און אזוי געזאָגט:

— טאַטע, לאָמיר גיין צו דעם שיינעם לאַנד, אויף יענער זייט סַמְבַּטיון, וועלן מיר דאָרט זען די בְּנֵי משֶה: שַבָּת איז דאָך דער טייך רוהיג, קען מען דאָך איבערגיין.

— איידער מיר וועלן אהין קומען, וועט דערווייל אריבער דער שַבָּת, און דער האָגל וועט ווידער אָנהייבן פאלן, דאָס וואסער — זידן, און מען וועט נישט קענען אריבער. — האָט געענטפערט דער פאָטער.

* * *

שַבָּת.

ווי ליב די רו איז דיינע,
פרינצעסן שַבָּת פיינע!
מיר לויפן דיר אַנטקעגן אלע,
מיר בעטען: „קום, געקרוינטע כַּלָה!"
פון אלע מְלָאכוֹת איז אַן עק,
די ארבעט ליגט מען איצט אוועק.
זיך תַּעֲנוּג אָנצוטאָן ביים טיש,
מיט הינער, חַלָה, פלייש און פיש.
א שִמְחָה, פרייד אויף אלע יידן,
זיי זענען פרום און שטארק צופרידן.

שַׁבָּת פאַר נאַכט.

ער גייט שוין אַוועק זיך,
דער הייליגער שַׁבָּת,
אין שטיבל ווערט פינסטער,
אין שטיבל איז שטיל;
עס שעפּטשעט די מאַמע:
„אַך גאָט פון אַבְרָהָם“ —
זי שעפּטשעט די תְּפִלָּה
מיט הארץ און געפיל.

אַך גאָט פון אַבְרָהָם,
פון יִצְחָק, פון יַעֲקֹב,
פאַרנעם דאָך מיין תְּפִלָּה
אין הימעלס־געצעלט —
און שיק מיר פַּרְנָסָה,
און ריכט־אויף מיין מַזָל,
און ליכטיג זאָל ווערן
מיין פינסטערע וועלט...

אַ רעטעניש: וועלכער וואָרט ווערט קירצער, אַז מען לייגט צו צוויי אותִיות?

די קאַץ.

איינמאָל איז משהלע געזעסן אין שטוב בײַם טיש און געמאַכט די לעקציעס. ווען ער האָט געענדיגט, איז ער אַרויסגעגאַנגען אויפֿן הויף זיך שפּילן, און די ביכער האָט ער געלאָזן אויפֿן טיש.

אין שטוב איז געווען אַ קעצל. דאָס קעצל איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן טיש און האָט זיך גענומען שפּילן מיטן טינטער. זי האָט איבערגעקערט דעם טינטער און אים געקוילערט איבערן גאַנצן טיש.



משהלע קומט אַרײַן אין שטוב, ווערט אים פֿינסטער אין די אויגן: דער גאַנצער העפֿט מיטן בוך זענען אויסגעשמירט מיט טינט. האָט ער אָנגעהויבן צו טרײַבן די קעצל און שרײַען: אַרויס פֿון דאַנען! וואָן!

די מאַמע האָט דאָס דערהערט, האָט זי געזאָגט: אַדרבה, אַ גאַנץ וואויל קעצל, זי לערנט דיך, זאָלסט זײַן אַ בעל־הבית, זאָלסט נישט לאָזן אַלץ אויפֿן טיש, ווען דו גייסט אוועק.

מיין קעצעלע.

בײַ אונז איז דאָ אַ קעצעלע,
אַ קליינינקס אַזאַ־אָ.
די מאַמע זאָגט, עס טויג אונז
נישט
מיר אָבער טויג דאָס יאָ.

אַזוי איז דאָס אַ שוואַרצינקעס,
נאָר פּיסלאַך ווייס, ווי שניי.
צוויי גלאַנציק קליינע וואָנסעלאַך,
וואָס שטענדיג פּוצט זי זיי.

אַך, איז דאָס אַ לעבעדיקס!
איך שפּיל מיט דעם אין „האָפ",
עס דראַפּעט מיר די הויזעלאַך
און קריכט מיר אויפן קאָפּ.

איך קיצל דעם אין אויערלאַך,
די גלאַטע, ווי אַ פּליוש.
עס פאַרמאַכט די אייגעלאַך,
דאַן גלעט איך זיי און קוש.

און צוריק עס עפענט זיי —
בין איך שוין גאָר נישטאָ;
עס טאַנצט און שפּרינגט און זוכט
מיך אום,
און זוכט אַ גאַנצע שָעה.

עס זוכט מיך אינעם אײוועלע,
אין קריגעלע, אין טאָפּ.
און פון דער הויכער פּאָליצע
מיר פאַלט עס אויפן קאָפּ.

אַ רעטעניש: זיצן דרײַ קעץ, אַנטקעגן יעדער קאַץ זיצן צוויי קעץ; וויפיל קעץ זיצן צוזאַמען?

דער הונט.

אַ מאָל האָט זיך אָנגעצונדן אַ הויז. ווען די פייערלעשער זענען אָנגעקומען, איז צו זיי צוגעלאָפן אַ פרוי און האָט מיט אַ געוויין דערציילט, אַז אין הויז איז איבערגעבליבן איר צוויי־יעריג מיידעלע. די פייערלעשער האָבן אהין אריינגעשיקט

זייער געלערנטן הונט ביטן נאָמען באָב. באָב איז אַרויף אויף די שטיגן, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער זיך באַוויזן און געהאַלטן צווישן די ציין דאָס קליינע מיידעלע פאַרן העמדל. די מוטער האָט אַרומגענומען איר קינד און פון גרויס פרייד, וואָס איר מיידעלע לעבט, האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט. די פייערלעשער האָבן געגלעט דעם הונט, און אַרומגעקוקט אים, צי האָט ער זיך ערגעץ נישט צעבריענט פון פייער. נאָר באָב האָט זיך ווידער געריסן אין ברענענדן הויז. די פייערלעשער האָבן געטראַכט, אַז אין הויז איז מסתּמא דאָ נאָך אַ לעבעדיג באַשעפעניש, און האָבן אים אָבגעלאָזן. דער הונט איז אַריינגעלאָפן אין הויז. ער האָט זיך גיך צוריקגעקערט, און האָט ווידער עפּעס געטראָגן צווישן די ציין. נאָר ווען מען האָט דערזען, וואָס באָב האָט געראַטעוועט פון פייער, האָט זיך דער עולם צולאַכט:

ער האָט אַרויסגעטראָגן פון פייער אַ גרויסע ליאַלקע.



מילך.

בערעלע איז קיינמאָל פון וואַרשא נישט ארויסגעפאָרן, און קיינמאָל האָט ער נישט געזען פון וואַנען מען נעמט מילך.

איינמאָל, אויף זומער-וואוינונג, האָט בערעלע דערזען, ווי א יידענע זיצט און מעלקט א קו, האָט ער פארשטאַנען, אז א קו גיט מילך.

אין א פּאָר טעג ארום האָט ער דערזען, ווי א קו איז געשטאַנען ביים טייך און געטרונקען. האָט ער זיך זייער פארוואונדערט און געפרעגט דער מאמען:

— מאמע, פון וואַנען האָט די קו מילך, אז זי טרינקט דאָך וואַסער?!

א רעטעניש—א שפּאַס: וואָס ווערט א ציג נאָך זיבן יאָר?

צַעַר בַּעֲלֵי חַיִים.

אמאָל איז רֶבּי געגאַנגען אין גאַס. איבערן גאַס האָט מען געפירט א קאַלב צום שעכטן. די קאַלב איז אַנטלאָפן, און ארונטערגעשטעקט דעם קאָפּ אונטער רֶבּיס פּאָלע און געבעטשעט, ווי איינער זאָגט: ראַטעווע מיך!

זאָגט רֶבּי צו דער קאַלב: גיי וואו מען פירט דיך, דערצו בּינסטו באַשאַפן געוואָרן.

דאָס האָט מען געהערט אויפן הימל. הזּ׳ט מען געפּסקענט: ווייל

ער האָט נישט קיין רַחמָנות אויף קיין לעבעדיגע באַשעפענישן — זאָלן אויף אים קומען יסוּרים.

און רַבִּי איז זייער קראַנק געוואָרן.

איינמאָל האָט רַבִּיס דינסט געראַמט אין שטוב, האָט זי געוואָלט אַרויסוואַרפן אין דרויסן קליינע קעצעלעך. האָט רַבִּי אַזוי געזאָגט צו איר: לאָז זיי צו רו! גאָט האָט רַחמָנות אויף זיינע באַשעפענישן — לאָמיר אויך רחמָנות האָבן.

האָט מען דאָס געהערט אויפן הימל און מען האָט געזאָגט.

— ווייל ער האָט רַחמָנות אויף לעבעדיגע באַשעפענישן, לאָמיר אויף אים אויך רַחמָנות האָבן.

און רַבִּי איז באַלד געזונט געוואָרן.

דער אייבערשטער און די שעפּס.

די שעפּס איז געקומען צו גאָט מיט אַ טַעֲנָה: רִבּונו שֶׁל עולָם! דו האָסט באַשאַפן אין דיין וועלט אַ סך מַזִיקִים און אַ סך חַיות רָעות, אַלע טשעפּען מיך, און מיר האָסטו נישט געגעבן קיין שום כְּלֵי־זַיִן זיך צו ווערן געגען זיי.

האָט גאָט זיך מְרַחֵם געווען אויף דעם שעפּס, און האָט געזאָגט: דיין טַעֲנָה איז אֱמֶת; אָבער זאָג מיר, וואָס זאָל איך דיר טאָן? אֶפְשֶׁר ווילסטו, איך זאָל דיר געבן שאַרפע ציין און שטאַרקע נעגל?

זאָגט די שעפּס: צי האָסטו נישט קיין שענערע כְּלֵי זַיִן?

מאכט גאָט, בָרוּך-הוּא: וועל איך דיר געבן גרויסע הערנער אויפֿן שטערן.

זאָגט די שעפּס: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! איך האָב מוֹרָא, טאָמער וועל איך אָנהייבן באָדושען מיט די הערנער ווי א באָק.

— אז יאָ אזוי — האָט גאָט געזאָגט — וועל איך דיר געבן וואָל; דו וועסט געבן דעם מענטשן וואָל, וועט ער דיך ליב האָבן, ער וועט דיך מְפַרְנֵס זיין בְּכָבוֹד, און וועט דיך באשיצן געגן די אַלע מַזִיקִים.

o═o═o

דער אייזל און דער לייב.

דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט דער אייזל געזען, ווי דער לייב שלאָפט. האָט זיך דער אייזל געוואונדערט און געפרעגט: שלאָפן דאָך די לייבן גלייך ווי מיר: זיי פֿערמאַכן די אויגן און לייגן אונטער די פיס אונטערן בויך אַזוי ווי מיר; פֿאַרוואָס זשע קומט דאָס זיי אַזאַ כָּבוֹד?

דאָס האָט געהערט דער הונט, און האָט געזאָגט:

— דו נאַרישע בְּהֵמָה איינע! אֶמֶת, דער לייב שלאָפט אַזוי ווי אַן אייזל, אָבער. ווען ער איז אויף, איז ער דאָך אַ לייב!

יוצא זײַן פאַר אַלעמען.

אַמאָל האָט אַ פּויער געפירט אין שטאָט אַן אייזל צו פאַרקויפן. דער פּויער האָט מיטגענומען מיט זיך זײַן זון. דער פאָטער האָט געריטן אויפן אייזל און דער זון איז נאָכגעגאַנגען. אויפן וועג באַגעגנט זיי אַ דורכגייער און זאָגט: איי, אַלטיטשקער, ווי איז דיר נישט אַ שאָד דאָס ייִנגל?— איז דער פאָטער אַראָב, און דער זון האָט זיך געזעצט רייטן.

טרעפט זיי אַ צווייטער און זאָגט צום זון: אַ וואויל זינעלע! אַליין פאָרט ער רייטענדיג, און דעם אַלטן טאַטן לאָזט ער גיין צו פוס!— האָט זיך דער פאָטער אויך געזעצט רײַטענדיג, און זיי זענען געפאָרען ווײַטער.

טרעפט זיי אַ דריטער און זאָגט: אַכזָרים, ווי האָט איר דאָס נישט קיין רַחמָנות אויף אַ בְּהֵמָה, און איר האָט זיך ביידע אַרויפגעזעצט אויף איר? — זענען זיי ביידע אַראָבגעגאַנגען פון אייזל און זענען געגאַנגען פון ביידע זײַטן.

טרעפט זיי אַ פערטער, שפּאָט ער פון זיי און זאָגט: „דרײַ אייזלען גייען צוזאַמען, און קיינער זעצט זיך נישט רייטענדיג". קלערן זיי: ווי איז מען דאָ יוצא פאַר אַלעמען? זענען זיי ביידע געגאַנגען צופוס, און דעם אייזל האָבן זיי גענומען אויף די פּלייצעס.



מַיין זיידענס בְּרָכָה.

נאָך דער סְעוּדָה פאַר כָּל נִדְרֵי
פלעגט מיך בענטשן דאָן דער זיידע:
אויף מיין קעפּל פלעגט ער לייגן
זיינע דאַרע הענט די ביידע.
צוגעטוליעט צו זיין קיטל,
פלעג איך ציטערן און הערן,
און דעם זיידענס חמאַרנע אויגן
פלעגן ווערן פול מיט טרערן.
„נו, מיין קינד, איצט קום אין שול מיט.
גאָט וועט אַלדאָס גוטס שוין געבן.
זיי א גוטער זיי א פרומער,
שרייבט ער אָן דיר לאַנג צו לעבן".

ארעטעניש: דריי ברידער האָט יעדערער געהאַט צו איין שוועסטער
וויפיל שוועסטער איז געווען אינאיינעם!

צְדָקָה.

עס איז געווען אמאל א ייד א גרויסער בַּעַל צְדָקָה. זיין גאנץ פארמעגן האט ער צוטיילט פאר ארימע.

איינמאל, אין הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, האט דאס ווייב אים געגעבן צען גילדן, ער זאל קויפן מַלְבּוּשִׁים פאר די קינדער. ווען ער איז ארויסגעגאנגען אין מארק, האט ער באגעגענט צוויי יידן. די יידן האבן געקליבן געלט אויף א בֶּגֶד פאר א יָתוֹם. האט ער זיי אוועקגעגעבן זיין גאנץ געלט, און האט זיך געשעמט צו גיין אהיים.

איז ער אוועקגעגאנגען אין שול. דארט האט ער געזען ליגן אֶתְרוֹגִים, וואס די קינדער שפילן זיך מיט זיי אום הוֹשַׁעְנָא רַבָּה. האט ער אויפגעקליבן א פולן זאק מיט אֶתְרוֹגִים, איז אוועק צום יַם הַגָּדוֹל און איז אבגעשוואומען אין א מְדִינָה, וואו דער קֵיסָר וואוינט.

אין יענער צייט איז דער קֵיסָר קראנק געווען. האט מען אים געהייסן עסן אֶתְרוֹגִים, וועט ער געזונט ווערן. מען האט געזוכט אין אלע שיפן, נאר מען האט קיין אֶתְרוֹגִים נישט געפונען.

האבן דעם קֵיסָרס שָׂרִים געטראפן דעם יידן זיצן אויף זיין זאק. זאגן זיי: האסטו עפעס? זאגט ער: איך בין אן ארימאן, איך האב גאר נישט. האבן זיי אנגעהויבן זוכן אין זיין זאק און געפונען אֶתְרוֹגִים. האבן זיי געבראכט דעם

יידן מיטן זאַק פאַרן קיסר. דער קיסר האָט גענעסן די אָתרוגים און איז געזונט געוואָרן.

האָט מען אויסגעליידיגט דעם זאַק, און אָנגעפילט מיט גאָלדענע רענדלעך און אוועקגעגעבן דעם יידן.

שמחת־תורה.

פריילעך און פריש
זעצט זיך צום טיש,
מאַכט סעודת־מלך,
לעבעדיג, פריילעך,

יידישע קינדערלעך,
האָט נישט קיין מורא!
קוויקט זיך און טרינקט,
לכבוד התורה!

איך מיט דער תורה,
דו מיט דעם פאָן,
זינגט, קינדערלעך, יעדער
ווי הויך נאָר ער קאָן!

די קונדסים.

נאָטל אין דעם גרויסן היטל,
מאָטל אין דעם מיצל,—
ביידע האָבן שוין אַן עֵסֶק,
גאָר אַ נייעם שפּיצל:

האָבן ערגעץ־וואו אַ לייטער
אויף אַ הויף געקראָגן.
שלעפּן, רייַסן־אייַן די כּוחות,
נאָר מען מוז אים טראָגן.

אין אַ נעסט דאָרט אויף אַ ביימל
האָדעווען זיך ראָבן,
דאַרף מען זיי אַראָפּבאַקומען,
חֶבְרָה דאַרף עס האָבן!

צוגעשטעלט דעם גרויסן לייטער
צו דעם בוים דעם הויכן,
קלעטערן די ביידע שטיפער,
ראָבן צו דערגרייכן.

און די ראָבן דאָרטן אויבן
ציטערן און ברומען,
טוליען זיך אין נעסט דערשראָקן:
„רויבער, רויבער קומען!"

פּלוצלונג דרייט זיך אום דער לייטער,
האָפּ! און נאָטע, מאָטע
פליהען הענדום אינדערלופטן,
פאַלן אין אַ בלאָטע...

דאָס שפּילפייגעלע.

אין סאָד פלעגט יעדן פרילינג זינגען אַ שפּילפייגעלע. זי פלעגט אָנהויבן גאַנץ שטיל, אַזוי ווי זי וואָלט זיך פּאַר עפּעס געשראָקן, אָדער ווי זי וואָלט געוואָלט איר קול אויספּרובן: זי פלעגט טאָן אַ פייף, אַ קנאַק—און אַנטשוויגן ווערן. נאָר פון טאָג צו טאָג דאָט זי געגומען זינגען אַלץ מער און אַלץ העכער.

איינעם אַ יינגל איז איר זינגען זייער געפעלן געוואָרן, און סדאָט זיך אים פאַרוואָלט, אַז דאָס שפּילפייגעלע זאָל זינגען ביי אים אין שטוב. דער יינגל דאָט געפאַנגען דאָס אָרימע פייגעלע און אַריינגעזעצט אין אַ שטייגל. ער דאָט געוואַרט, זי זאָל אָנהויבן זינגען. נאָר עס איז אַריבער אַ טאָג נאָך אַ טאָג, און דאָס שפּילפייגעלע דאָט אַלץ געשוויגן.

„דאָס מוז אַוודאי זיין נישט יענע פייגעלע"—דאָט זיך געקלערט דאָס יינגל: „יענע פייגעלע דאָט שיין געזונגען, און די שווייגט רק; מען דאַרף זי גאָר אַרויסלאָזן".

און דאָס יינגל דאָט זי אַרויסגעלאָזן. דאָס פייגעלע איז אַרויפגעפלויגן הויך-הויך אויפן בוים, דאָט אויסגעגלייכט אירע פליגעלאַך, דאָט מיטן שנעבעלע אויסגעפוצט אירע פעדערלאַך און דאָט זיך צולאָזט מיט אירע זיסע זמירות.

אויף דער פרײַ.

דאָרטן אויפֿן בוימעלע,
דאָרטן אויפֿן צווײַגעלע,
טאַנצט אַרום אַ פֿייגעלע,
שפּיגעלט זיך אין טײַכעלע.

אונטען רוישט דאָס קוועלעכל,
איבען שײַנט די זון אַראָב,
פֿריילעך זינגט דאָס פֿייגעלע,
איר קולעכל — אַ גלעקעלע.

„וואָס זינגט זיך דיר, מײַן שוועסטערל?
וואָס טאַנצסטו אויפֿן בוימעלע?"
רופֿט זיך אָב אַ פֿייגעלע
פֿון אַ צווייטן צווײַגעלע.

— אין אַ דראָטן שטײַגעלע
געווען בין איך אײַנגעשפּאַרט.
האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט
אין דעם פֿרײַען וועלדעלע.

אַ טאָפּעלטער מיטעל.

אין אַ האַרבסט־אָוונט האָבן די כעלעמער בַּעֲלֵי־בָּתִּים ארויסגעקוקט דורך די פֿענצטער פֿון שוהל, און זיי האָבן דער זען, אַ ווײַסינקער שניי איז אויסגעשפּרייט אויף דער ערד, און ער בלאַנקט אַזוי ווי ריינער זילבער ביי דער שײַן פון דער לְבָנָה.

זענען די כעלעמער זייער צעפרידן געווען פון דעם ווײַסינקען שניי, און זיי איז אַ שאָד געווען אים צוצעטרעטן מיט די פיס.

זענען זיי געקומען צו די זיבן טוּבֵי הָעִיר, צו די גרויסע חֲכָמִים, וואָס זיצן די ערשטע אויפן מִזְרָח און זיי האָבן געזאָגט:

רַבּוֹתַי! איר ווייסט דאָך, וויפֿיל מיר צעליידן פֿון די בלאָטעס און פון די רעגנס. דאָס לעבן איז אונז נִמְאָס געוואָרן. איצט האָט גאָט מיט זײַן גרויס גענאָד אונז געגעבן אַ שנייעלע, אַ שיינעם קלאָרן שניי. גיט אַן עֵצָה, וואָס זאָל מען טאָן, אַז דער שניי זאָל נישט צעטראָטן ווערן.

די כעלעמער חֲכָמִים זענען באַלד אַרויפגעגאַנגען אויפֿן בוידעם־שטיבל פון שוהל, און זיי האָבן גענומען זיך חָכְמענען און קלערן. זיבן שָׁעָה מיט זיבן מינוט האָבן זיי געקלערט, און האָבן אויסגעקלערט אַ קלוגן מיטל, אַ טאָפּעלטן מיטל, אַזוי:

מאָרגען באַגינען זאָל דער שַׁמָּשׁ גיין איבערן שטאָט און אויסרופן: קיינער זאָל נישט אַרויסגיין פון שטוּב דעם גאַנצן טאָג.

און כְּדֵי דער שַׁמָּשׁ זאָל נישט צעטרעטן דעם שניי, זאָל ער נישט גיין צופוס, נאָר די פֿיר שטאָטישע וועכטערס זאָלן אים טראָגן אויף די הענט.



שניי-טייבעלעך.

שניי און שניי און שנייעלעך
פיצינקעלעך, טייבעלעך,
פליען, פליען, זעצן זיך
אויף דער גאנצער וועלט.

ווערט די וועלט א ווייסינקע,
פול באזעצט מיט טייבעלעך,
שניי און שניי און שנייעלעך,
פרישינקע ווי קעלט.

גיי איך—שפרינגען טייבעלעך,
לויף איך—פליען טייבעלעך.
שניי און שניי און שנייעלעך,—
מיך פארדרייען זיי.

אוי, א שאד צו רירן זיי!
אוי א שאד צעטרייבן זיי!
שטיי איך בעסער, ריר זיך נישט—
סטוט מיר הארציג וויי.

חַנָה מיט אירע זיבּן זין.

אַנטיוֹכֻם איז געקומען צו דער אַלְמָנָה חַנָה מיט אירע זיבן קליינע קינדער. זאָגט דער מֶלֶך דער רָשָׁע צום עלטסטן פון די זין: זעסט דאָ דעם גרויסן אָבגאָט? בוק זיך צו אים! — דער בָּחוּר האָט גאָר נישט געענטפערט, נאָר ער האָט זיך אָפּגעקערט פון רָשָׁע. דאַמאָלס האָט אַנטיוכס געהייסן אים הַרְגענען. אַזוי איז אויך געווען מיטן צווייטן זון, מיטן דריטן, מיטן פערטן, מיטן פינפטן און מיטן זעקסטן; אַלעמען האָט דער גַזְלָן געהייסן הַרְגענען. עס איז געבליבן בלויז דאָס יינגסטע יינגל. זאָגט צו אים אַנְטיוֹכֻם: בוק זיך צו מיין גאָט. זאָגט דאָס יינגל: עס איז דאָ איין גאָט, דאָס איז דער גאָט פון יִשְׂרָאֵל. האָט דער אַכְזָר געזאָגט: דו בּיסט דאָך נאָך אַ קליינינקער, צו וואָס זאָלסטו שוין שטאַרבן? אָט וואַרף איך מיין פינגערל אויף דער ערד, און דו גיי און הייב עס אויף, וועט מען מיינען, אַז דו האָסט זיך געבוקט צו מײַן גאָט, און דו וועסט בלײַבן לעבן.

האָט דאָס יינגל נישט געוואָלט דאָס טאָן, און האָט געזאָגט: איך וויל נישט פאַרשעמען מיינע ברידער די קְדוֹשִׁים, איך וויל נישט מען זאָל מיינען, אַז זיי האָבן אַזאַ ברודער, וואָס פאַרגעסט אָן גאָט. — אַנטיוכס האָט געהייסן אים אויך הַרְגענען. דאָס יינגל האָט אויסגעשריען: „שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ — אֲדֹנָי אֶחָד"! — און איז געפאַלן טויט.

די אומגליקלעכע מאַמע פון די זיבן אומגעקומענע קינדער איז אַרויף אויף אַ דאַך און מיט אַ האַרצרייסענדיגן קול אויסגעשריען: איך בין געווען אַ מוטער פון זיבן קינדער, אַלע זענען זיי געווען צַדִיקִים, גוטע און כְּשֵׁרע און זיי זענען אומגעקומען — וואָס טויג מיר מײַן לעבן? — און זי האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן פון דאַך און געהַרגעט געוואָרן.

קליינע חַשְׁמוֹנָאִים.

לאָמיר, קינדער, זיך מושטירן,
לאָמיר גיין מִלְחָמָה פירן,
מיט די שׂוֹנְאִים, די רְשָׁעִים,
ווי די אַלטע חַשְׁמוֹנָאִים,
ווער אַ פייל און בויגן האָט,
און באַשיצן וועט אונז גאָט.

מיט געווער פון שטאָל און אַייזן
וועלן מיר די שׂוֹנְאִים ווייזן,
אז מיר קענען קריג נאָך פירן,
און אין אונזער לאַנד מאַרשירן.
העכער, העכער הייבט די פאָן,
גאָט אַליין מיט אונז פירט אָן.

לאָמיר גיך דעם פיינט פאַריאָגן,
וועלן דאַן די גרויסע זאָגן:
„קליינע קינדער—דאָך ווי ריזן
האָבן זיי געשאַרפט די שפּיזן,
און געוואָרפן זיך אין קריג,
האָט זיי גאָט געקרוינט מיט זיג".

די מוטער און דער לייב.

אין דער שטאָט פאריז, אין פראנקרייך, איז אמאָל פון חיות־גאָרטן אנטלאָפן געוואָרן א גרויסער לייב. דער לייב האָט אָנגעהויבן לויפן איבער די גאסן פון שטאָט. די דורכגייערס האָבן זיך דערשראָקן פאר דער בייזער און ווילדער חיה און יעדערער האָט



געכאפט און זיך באהאלטן וואו נאָר ער האָט געקענט.

אין יענער צייט איז א קליין מיידעלע געשטאנען פארן שטוב און זיך געשפילט מיט איר ליאלקע. דאָס קינד האָט נישט באמערקט די חיה־רעה, און דער לייב איז צוגעשפרונגען צום מיידעלע, און אין איין רגע האָט ער עס געהאלטן אין זיינע שארפע ציין.

די מוטער האָט דערהערט דעם קינדס געשריי, איז זי ארויסגעלאָפן פון שטוב. זי האָט דערזען איר טייער קינד ביים לייב אין די ציין, איז זי צו אים צוגעלאָפן, זי איז געפאלן אויף דער ערד, און מיט א שרעקלעכן געשריי האָט זי זיך געבעטן ביים לייב, אז ער זאָל אויף איר רחמנות האָבן און אפלאָזן דאָס קינד.

דער לייב האָט זיך אָפּגעשטעלט, ער האָט אַ קוק געגעבן אויף דער אומגליקלעכער מאַמען, און, אַזוי ווי ער וואָלט פילען איר פּיין, האָט ער אוועקגעלייגט דאָס קינד אויף דער ערד און איז ווייטער געגאַנגען.

דָוִד הַמֶּלֶךְ.

אַמאָל איז אין יְהוּדָה געווען אַ פּאַסטוך מיטן נאָמען דָוִד. ער האָט ליב געהאַט צו שפּילן אויף אַ פידל. איינמאָל זיצט אַזוי דָוִד און היט זיינע שאָף און רינדער און שפּילט זיך אַזוי אויף זיין פידל. אינדעם זענען אָנגעפאַלן ווילדע חַיוֹת אויף דער סטאַדע. אָבער ווי זיי האָבן דערהערט דָוִדס שפּילן, זענען זיי שטיין געבליבן, און די שאָף נישט גערירט. ווען דָוִד האָט אויפגעהערט שפּילן, זענען זיי אָנגעפאַלן אויף די שעפּסעלעך, און איינער אַ גרויסער לייב האָט אוועקגעטראָגן אַ שעפּסעלע. דָוִד האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים, האָט אים אָנגענומען פאַרן פּרעסער, און האָט אים צעריסן אויפן אָרט. אַזוי איז די שעפּס נִיצוֹל געוואָרן פון לייבס ציין. אויף צוריקוועגס איז אויף דָוִדן אָנגעפאַלן אַ בער, האָט אים דָוִד גלייך געהַרְגעט.

די יידן האָבן געזען, וואָס פאַר אַ גִבּוֹר דָוִד איז, ער איז אויך געווען אַ גרויסער חָכָם, האָבן זיי אים געוואָלבט פאַר אַ מֶלֶךְ. ער איז דאָס נאָכדעם געווען דָוִד הַמֶּלֶךְ.

דער פוקס און די ווייַנטרויבן.



אַ פיקסל גייט פאַרביי
אַ ווייַנגאָרטן,
און טרויבן זעט ער וואַקסן
דאָרטן...
אים ווילט זיך זייער געניסן
פון דעם געשמאַקן ביסן:

ער האָט אַן אַפעטיט אַ שטאַרקן,
נאָר סאיז צו-הויך דער פאַרקן—
ער קוקט אַהין, אַהער—
אַרייַנקריכן איז זייער שווער...

„עט— זאָגט ער —כמיין,
די פּירות זענען נאָר פון ווייטן שיין...
עס קען זיי גאָר נישט עסן קיינער,
ווייל אַיִליג מאַכן זיי די ציינער.

דער וואָלף און דער שטאָרך.

איינמאָל האָט דער וואָלף פאַרצוקט אַ שעפּעלע. האָט זיך אים געשטעלט אַ ביין אין האַלדז. רופט ער אויס:

„ווער סוועט קומען מיר אַרויסנעמען דעם ביין, וועט ער פון מיר באַקומען אַ גוטן לוין".

קומט דער שטאָרך און שטעקט-אַריין דעם וואָלף אין מויל זיין לאַנגען שנאָבל און שלעפּט פון דאָרט אַרויס דעם ביין.

— איצט—זאָגט דער שטאָרך—גיב מיר מיין לוין.

רופט זיך אָן דער וואָלף: „איז ווייניג לוין פאַר דיר, אַז דו ביסט אַריין צום וואָלף אין מויל און אַרויס פון דאָרט בְּשָׁלום?"

דער וואָלף און דער הונט.

אַ הונגעריגער, אויסגעמאַגערטער וואָלף האָט איינמאָל אין אַ פינצטערער נאַכט באַגעגנט לעבן דאָרף אַ גרויסן, פעטן הונט. דער וואָלף האָט אים געפרעגט:

„זאָג מיר, הונט, פון וואַנען נעמסטו דיר עסן?

— דער בעל-הבית גיט מיר עסן.

„געווים מוזטו שווער אַרבעטן".

— ניין, — האָט דער הונט געענטפערט, — מיין אַרבעט איז נישט קיין שווערע; איך היט בייַנאַכט דאָס הויז פון בעל-הבית.

„אויב אַזוי — זאָגט דער וואָלף — נעם מיך אויך מיט, מיר קומט אָן אַזוי שווער צו באַקומען שפּייז".

זענען זיי ביידע געגאַנגען אין דאָרף שאַפן אַ שטעלע פאַר דעם הונגעריגן וואָלף. ווען זיי זענען שוין געווען נישט ווייט פון דאָרף, האָט דער וואָלף באַמערקט, אַז ביים הונט אויפן האַלדז איז די פעל אָפּגעריבן, און האָט אים געפרעגט, פון וואָס דאָס איז אים געקומען.

— דאָס איז פון דער קייט, צו וועלכער איך בין דעם גאַנצן טאָג צוגעבונדן! — האָט דער הונט געענטפערט.

„אויב אַזוי — האָט דער וואָלף זיך אָפּגערופן — זיי-זשע מיר געזונד! כ'וויל נישט גיין דינען ביי מענטשן. אמת, מיר קומט אויס אַמאָל צו הונגערן, דערפאַר אָבער בין איך פריי און נישט געבונדן".

בִּנְיָמִין דער וואָלף.

די מַעֲשֶׂה איז געשען מיט אַ סך יאָרן צוריק. עס איז געווען זייער אַ קאַלטער ווינטער. דאָס וואַסער אין די ברונעמס זענען געפרוירן געוואָרן. די פייגעלעך זענען אויסגעפרוירן אין די פעלדער. און הונגעריגע וועלף פלעגן אָנפאַלן אויף די דערפער.

ביים עק דאָרף איז געשטאַנען אַן אָרעם שטיבל, אין שטיבל האָט געוואוינט אַ סטאָליער מיט זיין ווייב און צוויי קינדער, דער עלטסטער, בִּנְיָמִין, צען יאָר אַלט, און אַ מיידעלע, לֵאָהלע, וואָס איז נאָך קיין יאָר נישט אַלט געווען.

איינמאָל זענען די עלטערן אַוועקגעגאַנגען אין וואַלד ברענגען האָלץ, און אין שטוב איז געבליבן בִּנְיָמִין מיט זיין שוועסטערל לֵאָהלע. בִּנְיָמִין האָט פאַרוויגט לאהלען און איר געזונגען אַ לידל.

פלוצלונג האָט זיך אויפגעפראַלט די טיר, און אין שטוב האָט זיך אַריינגעריסן אַ יונגער וואָלף און גענומען גיין גלייך צום וויגל, וואו די קליינע לֵאָה איז געלעגן. בִּנְיָמִין האָט דע־זען די געפאַר, איז ער אַרויפגעפאַלן אויפן וואָלף, און ווי דער וואָלף האָט געעפנט די מויל, האָט בִּנְיָמִין אַריינגעשטעקט די פויסט אים אין מויל אַריין.

דער וואָלף האָט זיך גענומען ווערגן, און האָט שוין געוואָלט זיך אַרויסרייסן און אַנטלויפן, נאָר בנימין האָט אַלע מאָל ווייטער געדרוקט אים אין מויל אַריין די פויסט, דער וואָלף האָט נישט געקענט אָפּאָטעמען, און איז דערשטיקט געוואָרן.

דערשראָקן און פאַרמאַטערט איז בִּנְיָמִין געפאַלן אין חַלָשות אויף דער ערד. ווען מען האָט אים אויפגעמונטערט און מען האָט זיך דערוואוסט די גאַנצע מַעֲשֶׂה, האָבן אַלע אים שטאַרק געלויבט פאַר זיין גְבוּרָה, און אין גאַנצן דאָרף האָט מען אים פון דאַמאָלס אָן גערופן: „בִּנְיָמִין—וואָלף".

דער העלפאַנד.

א אינדיאַנער האָט אַמאָל געהאַט א העלפאַנד. דער אינדיאַנער האָט זייער שלעכט געפיטערט דעם העלפאַנד און האָט אים געניוט אַסך צו אַרבעטן. איז דער העלפאַנד איינמאָל אין כּעס געוואָרן און צעטראָטן זיין בעל־הבית מיט זיין פוס.



די אַלמנה האָט שרעקלעך געוויינט, האָט געבראַכט אירע קינדער צום העלפאַנד, האָט זיי אַוועקגעלייגט פאַר זיינע פיס און געזאָגט:

— העלפאַנד, דו האָסט געטויט זייער טאַטן, טאָ טויט שוין זיי אויך — איך אַליין קען זיי נישט מפרנס זיין.

דער העלפאַנד האָט אַ קוק געטאָן אויף די קינדער, האָט גענומען מיט זיין לאַנגען נאָז דאָס עלטסטע קינד, עס פּאַמעלעך אויפגעהויבן און אַרויפגעזעצט צו זיך אויפן רוקן.

פון דאַן אָן האָט דער העלפאַנד אָנגעהויבן פאָלגן דעם יינגל און אַרבעטן פאַר דער אַלמנה מיט די קינדער.

שַׁלַח מָנות.

— „זיסל, זיסל, קליינער זיסל,
אֶפְשֶׁר זאָגסטו,
וואָס פארמאָגסטו
אין דיין שַׁלַח=מָנות שיסל?“

ענטפערט זיסל:
— „כהאָב אין שיסל
אלץ צו ביסל,
אלץ צו ביסל:

כהאָב אַ צוקערל אַ זיסן
נאָר אויף שִׂמְחות צו געניסן,
און אַ טייטל אַ געשמאַקן
און כהאָב ניסעלעך צום קנאַקן,
און אַ טאָרט האָב איך אַ גאַנצן
און כהאָב זיבן פאָמעראַנצן,
און צום נאַשן און צום נאַשן
אָנגעפילטע הָמָן=טאַשן,—
אלץ צו ביסן, אלץ צו ביסן
און ביז פסח צום געניסן!“

* * *

— בערל, בערל, קליינער בערל,
ווייז נאָר, וואָס האָסטו צום נאַשן:
בייגלעך, טייגלעך, הָמָן=טאַשן,
פייגן, מאַנדלעך, פאָמעראַנצן?“—
ענטפערט אומעטיג
קליין בערל:
—„כהאָב עס אויפגענאַשט אינגאַנצן“!

דער אָדלער.

אין לאַנד מוקדון איז געווען אַ מֶלֶך מיטן נאָמען אַלעקסאַנדער. דער מֶלֶך איז דורכגעגאַנגען אַלע מדינות, איבער אַלע יַמִים, איבער אַלע הויכע בערג, און טיפע טאָלען, וואו עס איז שטענדיג פינצטער. אַפילו ביי טאָג, ווארום די זון קומט דאָרט קיינמאָל נישט צו. ער איז אויך צוגעקומען צו די טויערן פון גַן־עֵדֶן.

האָט דער מֶלֶך געוואָלט אויך פליען אין דער לופטן, נאָר גאָט האָט אים נישט געגעבן קיין פליגלען.

וואָס האָט אַלעקסאַנדער געטאָן?

האָט ער אָנגעטשעפּעט אַ שטיק פלייש אָן אַ שפּיז, ער האָט זיך געזעצט רייטן אויף אַ הונגעריגן אָדלער און דעם שפּיז האָט ער אויפגעהויבן פאַר זיינע אויגן. דער אָדלער האָט צעשפּרייט די פליגעל און אויסגעצויגן דעם שנאָבל צום שטיק פלייש. ווי דער אָדלער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט זיך אויך אויפגעהויבן דאָס פלייש, און אַז דאָס פלייש האָט זיך אויפגעהויבן האָט זיך אויך אויפגעהויבן דער הונגעריגער אָדלער.

אַזוי איז דער אָדלער געבליבן הונגעריג, דאָס שטיק פלייש איז פאַרפוילט געוואָרן, און אַלעקסאַנדער איז אַרויפגעפלויגן אויפן הימל.

משֶה און דער אָדלער.

איינמאָל איז משה אַזוי געזעסן אין דער מִדְבָּר און געפּיטערט זיינע שעפּסן. פּלוצלונג דערהערט ער עפּעס אַ געשריי. משה האָט אויפגעהויבן די אויגן און האָט דערזען, ווי אַ טייבעלע פליט צו אים, מאַכט מיט די פליגעלעך און שרייט; און אַ אָדלער מיט שטאַרקע נעגל און אַ שאַרפן שנאָבל פליט איר נאָך, און אָט-אָט, איז דאָס טייבעלע פאַרלאָרן. משֶה איז געשווינד אויפגעשטאַנען, געכאַפּט דאָס טייבעלע און באַהאַלטן.

דער אָדלער האָט אבער נישט געשוויגן און ער האט זיך געוועגדט צו משֶהן מיט אַ גוואַלד:

— דו גַזְלָן איינער! מיט וואס פאר אַ רעכט נעמסטו דאָס מיר צו מיין רויב? גאָט האט דאָך מיר אנגעברייט די טויב צום עסן.

משֶה האט אַ קוק געטאָן אויף דער טויב, וואָס האט געציטערט און געפלאַטערט אין זיינע הענט, נאָכדעם האט ער אַרויסגענומען אַ מעסער, ער האָט אָפּגעשניטן אַ שטיק פלייש פון זיין האנט און האָט צום אָדלער אַזוי געזאָגט: דו ביסט גערעכט, אָדלער, נאַ דיר פלייש, נאָר די טייבעלע לאָז צורו.



אַ גאַסט פאָרט.

א גאסט פאָרט, א גאסט פאָרט—
עפנט אלע בראָמען!
נישט אויף שליטן, נישט אויף רעדער:
טרעפט, ווי איז זיין נאָמען?

א גאסט פאָרט, א גאסט פאָרט—
גייט ארוים מיט פאָנעס.
פולע קעשענעס און הויפנס
בריינגט ער אונז מתנות.

גראָז אויף בריקלעך, זאמד אויף בערגלעך—
וועלן מיר זיך שפילן, —
אז מיר ווילן—איז אין פערדלעך,
און אויב נישט אין—מילן.

א גאסט פאָרט, א גאסט פאָרט—
עפנט אלע בראָמען!
נישט אויף שליטן, נישט אויף רעדער—
פרילינג איז זיין נאָמען.

דער באַרנעבוים.

בערל דער פעלדשער האָט געהאַט אַ גאָרטן. אין גאָרטן זענען געוואָקסן עפּל, באַרנעס, פלוימען, קאַרשן. בערל האָט זייער ליב געהאַט זיין גאָרטן.

אויך חיים, בערלס ייִנגל, האָט דעם גאָרטן ליב געהאַט. ער פלעגט פאַרזייען אין גאָרטן בלומען. ער פלעגט זיי באַגיסן מיט וואַסער און אָפּהיטן, אַז קיינער זאָל זיי נישט רירן.

ביים פלויט פון גאָרטן איז געוואָקסן אַ באַרנעבוים און די צווייגן האָבן אַריבערגעהאָנגען איבערן פלויט.

איינמאָל איז לעם גאָרטן פאַרבייגעגאַנגען אַ ייִנגל אַ שטיפער. ער האָט דערזען די באַרנעס, האָט ער גענומען וואַרפן שטיינער אויפן בוים. פון די שטיינער איז אַ צווייג צעבראָכן געוואָרן. דער בוים האָט אָנגעהויבן פוילן, און איבער אַ יאָר איז אויפן בוים קיין באַרנעס שוין נישט געוואָקסן.



דאָס ליד פון ברויט.

פאַר די הענטלעך אין די רינגען
שיינע קליינע קינדער זינגען:

גאָט געטרייער גיב אַ רעגן
פאַר די קליינע קינדערס וועגן!

ווייַזט אַ וואָלקן זיך פון אויבן,
נעמען זיך די פעלדער שטויבן,

און אַ רעגן—פּערל=ריין,
טריף=טראָפּ, טריף=טראָפּ,—
הייבט אָן גיין.

נעמען פעלדער זיך צעשפּרייטן,
ווייך צעאַקערטע אין בייטן—

ווערן גרינע קאָרן=זאַנגען
פון די בייטן אויפגעגאַנגען;

נעמט אַ טוי אויף זיי באַלד פאַלן,
וואַרמט זיי די זון מיט שטראַלן;

ווערן פעלדער געל ווי גאָלד,
פול מיט קאָרן, קאָרן=גאָלד.

נעמען פולע פורן פאָרן,
פורן פאָרן, פירן קאָרן

דורך די בערג און דורך די טאָלן
אין די מילן דאָס צו מאָלן;

הייבן אָן די ווינטן ווייען
און די מילן=פליגל דרייען

מאַלן מילן, מאָלן שנעל
פון דעם קאָרן ווייַסע מעל.

קנעט דער בעקער מעל מיט הייוון
און פאַרהייצט זייַן גרויסן אויוון

ברענט דאָס פייַער, שייטלעך
קנאַקן,
נעמט דאָס ברויט זיך בעסער באַקן.

קויפן מאַמעס ברויט דעם פרישן
און דערלאַנגען אויף די טישן:

עסן קינדער פרישן ברויט,—
זענען זיי געזונט און רויט.

פּאַרזייט געלט.

איינמאָל איז יאָסל געגאַנגען מיט זיין טאַטן שפּאַצירן הינטערן שטאָט. זעט ער, ווי פּויערים זייען אין פעלד.

זאָגט יאָסל צום טאַטן: סאַראַ נאַראָנים זיי זענען: וואָס שיטן זיי אויס די תּבואה אויף דער ערד?

— זיי זענען גאָר נישט קיין נאַראָנים, — האָט דער פּאָטער געענטפערט — דאָס זענען לאַנדסלייט, זיי זייען די תּבואה, כּדי עס זאָל אַרויסוואַקסן אַ סך תּבואה.

ווען יאָסל איז געקומען אַהיים, האָט ער געשווינד גענומען זיין קליין פּושקעלע מיט געלט, ער האָט אַרויסגענומען פון איר אַלע מטבעות, איז געלאָפן צום גאָרטן און אַריינגעלייגט אין דער ערד, ער האָט געזאָגט:

— איך האָב פּאַרזייט מיינע געלט; עס וועט אויפוואַקסן, און איך וועל האָבן אַ סך געלט.

אין נים.

קומט דער פּסח אָן—
שפּילן מיר אין נים!

דריי טריט מיט די פיס
מעסט איך אָפּ אויף גיך,
און איך טראַכט ביי זיך:

קליין איז דאָך מיין פיסעלע,
נאָענט איז דאָס ניסעלע.

טרעף איך נאָר אין דעם,
טו איך עס אַ נעם

פלינק, געשווינד און ראַש
גלייך צו זיך אין טאַש.

און איך טרעף אַלץ גלייך,
ווער איך טאַקע רייך:
כהאָב אַ פולע נים!
כהאָב אַ פולע נים!

ברויט מיט פוטער.

איינער איז געפאָרן אויף אַ פור. לעם אים איז געזעסן אַ ווייבל און געהאַלטן אַ קינד אויפן האַנט. די מאַמע האָט געפירט אַהיים איר קינד פון שפּיטאָל. דאָס יינגל איז געווען בלאַס און קרענקלעך.

— איך וויל עסן—האָט געזאָגט דאָס יינגל צו דער מאַמען.

— וואַרט אַ ביסל, מײַן קינד, האָט געזאָגט די מוטער — אין שטוב וועל איך דיר געבן עסן, דאָ האָב איך גאָר נישט.

דער ייד האָט דאָס געהערט, האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שטיקל ברויט באַשמירט מיט פוטער און דערלאַנגט דעם יינגל. דאָס יינגל האָט גענומען דאָס שטיקל ברויט, געקוקט אויף דעם פאַרוואונדערט, און האָט נישט גענומען אין מויל.

— פאַרוואָס עסט ער נישט, ער איז דאָך הונגעריג? — האָט דער ייד געפרעגט.

— ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געגעסן קיין ברויט מיט פוטער, ווייס ער נישט, וואָס דאָס איז, — האָט געענטפערט די מוטער.

העזעלע.

זאו איז העזעלע געווען?
וואו איז גרויאינקער געווען?
—אין אַ גאָרטן, קינדערלעך,
אין אַ גאָרטן, טייערע.

האָסטו דאָרטן וואָס געטאָן?
האָסטו דאָרטן וואָס געטאָן?
—איך האָב דאָרטן קרויט גענאַשט,
איך האָב מערעלעך גענאַשט.

האָט מען דיך דען נישט געכאַפּט?
האָט מען דיך דען נישט געקלאַפּט?
—אוי, געכאַפּט מיך, קינדערלעך,
אוי, געשלאָגן, ליבינקע.

ווי־ושע האָט מען דיך געכאַפּט?
ווי־ושע האָט מען דיך געקלאַפּט?
—רָחֵלע מיט אַ קאָטשערע,
שָׂרָהלע מיט אַ פּאָמעלע.

האָסטו, העזעלע, געוויינט?
האָסטו, גרויאינקער געוויינט?
—מיינע אויערלעך, אוי וויי,
טוען מיר נאָך איצטער וויי.

וואָס־ושע וויינסטו, העזעלע?
וואָס־ושע וויינסטו, גרויאינקער?
—אוי, איך וויין מיט טרערעלעך,
רייב זיך שטיל די אויגעלעך!

פאַרגעס-מיך-נישט.

עס איז דאָ זייער אַ שיין קליין בלוי בלימעלע, עס הייסט—פאַרגעס-מיך-נישט.

ווייסט איר פון וואַנען נעמט זיך דאָס דער דאָזיגער נאָמען צום בלימעלע?

די מעשה איז געווען אַזוי:

ווען גאָט האָט באַשאַפן די בלומען, האָט ער זיי אַ נאָמען געגעבן:



רויז, נאַרציז, טוליפּאַן,

און אַזוי אַלע בלומען. איינמאָל קומט צוגיין אַ קליין בלימעלע, בלוי ווי קליינע קינדערשע אייגעלעך און עס וויינט. פרעגט ביי אים דער אייבערשטער:

— וואָס וויינסטו, מיין שיין בלימעלע?

— איך האָב פאַרגעסן, ווי איך הייס!—האָט דאָס בלימעלע געענטפערט.

— „פאַרגעס-מיך-נישט" ווערסטו פון היינט אָן הייסן—האָט גאָט געזאָגט.

און פון דאַמאָלס-אָן געדענקט דאָס בלימעלע זיין נאָמען.

דאָס גערטעלע.

דאָס גערטעלע צעאַקערט,
די בייטעלעך פאַרזייט,
האָבן מיר זיך אַלע
קינדערלעך געפרייט.

איינגעזייט אין גערטל
ציבעלע און קראָפּ,
בלומען ביי די זייטן,
רויזן, מאָן און באָב.

און די זון פון הימל
שיקט איר שיין אַראָפּ,
פרייען מיר זיך אַלע,
שפרינגענדיק האָפּ! האָפּ!

לאָמיר, קינדער, אַלע
היטן יעדן בייט!
אַלץ זאָל זיין געראָטן,
וואָס מען האָט פאַרזייט...

די מאַי-גלעקעלעך.

אַמאָל איז געווען אַ קליין מיידעלע. דאָס מיידעלע איז געווען אַ גוטע, אַ ליבע. זי האָט קיינעם קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געטאָן, אַדְרַבָּה זי איז שטענדיג גרייט געווען יעדערן אַ טוֹבָה צו טאָן.

צו צוועלף יאָר איז זי געשטאָרבן. נאָכן טויט איז זי גלייך אין גַן עֵדֶן אריין. די מַלְאָכִים האָבן איר זייער פריינדלעך מְקַבֵּל־פָּנִים געווען. און דאָס מיידעלע האָט זיך שוין מיט זיי קיינמאָל נישט צעשיידט.

און דעם מיידעלע איז דאָרט אַזוי גוט געווען, אַז זי האָט קיין מאָל מער נישט געקלערט פון דער ערד, אויף וועלכער זי איז אַמאָל געווען.

איינמאָל פרעגט איר אַ מַלְאָך:

— עס איז דיר נישט אַ שאָד, וואָס דו ביסט געשטאָרבן?

— אָ, גאָר נישט!

— בענקסטו נישט נאָך די פעלדער, וועלדער, הייזער?

— ניין, איך בענק נישט, דאָ איז דאָך אַזוי שיין.

— און בענקסט גאָר נישט נאָך די קינדער וואָס דו פלעגסט זיך שפילן מיט זיי?

— צו וואָס זאָל איך בענקען נאָך די קינדער, אַז די מַלְאָכִים זענען נאָך בעסערע.

— און אייער שטוב איז דיר נישט אַ שאָד?

— ווער קלערט עס פון שטוב, אַז דער הימל איז אַזוי שיין.

— און די מאַמע איז דיר נישט אַ שאָד, זי וויינט דאָך שטענדיג נאָך דיר?

דאָס מיידעלע איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט זיך דערמאָנט אָן דער מאַמען, און איז דאָס ערשטע מאָל אומעטיג געוואָרן. זי האָט אָנגעהויבן וויינען, און אירע קלאָרע און וואַרעמע טרערן זענען אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלן. אויף דער ערד זענען פון די טרערן שמעקעדיגע מאַי-בלימעלעך אויסגעוואַקסן.

o═o═o

דער סוחר און דער מאַטראָס.

א כוחר האָט געפרעגט ביי אַ מאַטראָס: „מיט וואָס פאַר אַ טויט איז דיין פאָטער געשטאָרבן?"

— ער איז דערטרונקען געוואָרן — האָט דער מאַטראָס געענטפערט.

„און דער זיידע?"

— אויך דערטרונקען געוואָרן.

„היינט ווי האָסטו קיין מורא נישט אומצופאָרן אויפן ים?"

דער מאַטראָס האָט אַ קלער געטאָן און געפרעגט:

און מיט וואָס פאַר אַ טויט איז דיין פאָטער געשטאָרבן?"

„מיין פאָטער איז געשטאָרבן אין זיין בעט — האָט דער סוחר געענטפערט.

— און דיין זיידע און עלטער-זיידע?

„אויך אויף זייערע בעטן".

— אויב אַזוי — האָט דער מאַטראָס געזאָגט — ווי האָסטו נישט קיין מורא יעדן טאָג זיך לייגן שלאָפן אויף דיין בעט?

גלייבווערט: צוויי מאָל שטאַרבט מען נישט, איינמאָל מוז מען שטאַרבן.

פֵּסַח.

גלי, שטיינדעלע,
קלאַפּ, העמערל,
לאַך, טײַכעלע
וואַש און רײַב
דעם ווינטער זשפּ.

קלינג, שטייסעלע,
קנאַק, מַצָהלע,
שפּיל, ווײַנעלע,
שײַן און בענטש
דעם פּסַח אונז.

דריי, רעגעלע,
צוויטש, פייגעלע,
שמעק, ערדעלע,
ציר און פּוץ
דעם יום־טוב אויס.

אַ גלייכוואָרט: פּסח איז אַ שווערער, אָבער אַ ריינער יום טוב.

דער שוסטער.

בין איך מיר אַ שוסטערל, אָט אַזוי, אָט אַזוי
רופט מען מיך ר' מיכל. קלאַפּ איך מיטן העקל.
נעם איך מיר אַזוי דעם נאָל קליפּ און קלאַפּ
און שטעך אַריין אין שיכל. קליפּ און קלאַפּ
ווערט אין זויל אַ לעכעלע — קלאַפּ איך מיטן העקל.
שטעך איך אָן אַ טשוועקל;

גלייכוואָרט: אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס.

די פּיס זענען צו גרויס.

אַ ייד האָט באַשטעלט בײַ אַ שוסטער אַ פּאָר שטיוול. דער שוסטער האָט געמאַכט די שטיוול און אָפּגעבראַכט זיי דעם יידן. מעסט ער אָן די שטיוול — זענען זיי קליין.

— די שטיוול זענען צו קליין — זאָגט דער ייד.

— גאָט איז מיט אײַך — מאַכט דער שוסטער, ווי קומט די שטיוול צו קליין? דאָס איז אַוודאַי אײַער פוס אַ ביסל צו גרויס.

גלייכוואָרט: צווישן שוסטער איז ער דער בעסטער שנײַדער,
צווישן שנײַדער איז ער דער בעסטער שוסטער.

דער שניידער.

די שטוב איז קליין, די שטוב איז אַלט,
אין יעדן ווינקל מיסט און קויט,
סאיז פינצטער, אומעטיג און קאַלט,—
אַ קראַנקער שניידער זיצט און נייט.

דער שנײַדער נייט,
די נאָדל גייט,
דער מוח דרייט;

סאיז גרויס די נויט,
נישטאָ קיין ברויט,
נישטאָ קיין ברויט!

גלייכווערטל: ווען נייט אַ שנײַדער אומזיסט?— אַז ער פאַרגעסט מאַכן אַ קניפל.

די אַרבּעטער און די מַלְכָּה.

איינמאָל אין אַ הונגער-יאָר זענען די ארבּעטער געקומען צו דער ענגלישער מַלְכָּה און האָבּן זיך געקלאָגט אויף זייער בּיטערער לאַגע: דער הונגער איז גרויס, און זיי גייען אוים פאַר נויט.

די מַלְכָּה האָט זיך זייער גענומען צום הארצן זייער טרויעריגע לאַגע, נאָר זי האָט נישט געוואוסט, מיט וואָס זיי צו העלפן.

— איך האָב גרויס צַעַר פון אייער נויט,—האָט געזאָגט די מַלְכָּה: אָבּער אויבּ איר האָט נישט וואָס צו עסן, — עסט-זשע לֶעֶת-עַתָּה בּרויט מיט פוטער!

גלייכוואָרט: דער הונגעריגער גלויבּט נישט דעם זאַטן.

די נייטערקעס.

אין אַ קליינעם שטיבּעלע,
בּיי אַ לאַנגן טיש,
זיצן דאָרטן מיידעלעך
דרייען מיט די פיס.

דרייען די מאַשינדעלעך
פון דער פרי בּיז נאַכט,
און אזוי ווערט טוצנווייז
העמדעלעך געמאַכט.

דושנע איז אין שטיבּעלע
אונערטרעגלעך היים;
פון די אָרמע נייטערקעס
גיסט זיך טייכן שוויים.

דער אָרעמער טרעגער.

אין אַ שטאָט האָט געוואוינט אַן אָרעמער טרעגער. איז זיין טאָכטער קראַנק געוואָרן. דאָס מיידעל איז געלעגן אַ טאָג צוויי, און איז נישט בעסער געוואָרן, און דער טרעגער האָט נישט געהאַט קיין גראָשן אויף רפואות.

אין שכנות האָט געוואוינט אַ האָלץ־העקער, אויך אַ אָרעמאַן. דער האָלץ־העקער האָט נישט געקענט צוזען דעם צער פון זיין שכן, דעם טרעגער, איז ער געגאַנגען און פאַרקויפט זיין איינציגע האַק און דאָס געלט אוועקגעגעבן דעם טרעגער.

צומאָרגנס איז דער העקער געגאַנגען אין וואַלד אריין מיט ליידיגע הענט: די האַק האָט ער שוין נישט געהאַט ער איז צוגעגאַנגען צו אַ טרוקן בוימל און גענומען אָפּברעכן אַ צווייגל. פּלוצלונג האָט זיך פון צווייג אָנגעהויבן שיטן גאָלדענע רענדלעך. דער האָלץ־העקער האָט אויפגעקליבן די רענדלעך, געבראַכט אהיים, און זיך צוטיילט מיטן שכן דעם טרעגער. פון דעמאָלט־אָן זענען ביידע געוואָרן רייך און געגעבן אַ סך צדקה פאַר אָרעמע לייט.



צוויי ברידער.

אין איין שטאָט האָט געוואוינט זייער אַרייכער ייד. דער ייד האָט געהאַט צוויי זין, אַ עלטערן און אַ יינגערן, און דער ייד האָט ליב געהאַט בלויז דעם עלטערן זון, דעם יינגערן האָט ער נישט ליב געהאַט.

איינמאָל זאָגט דער ייד צום ווייב:

מיין גאַנץ פאַרמעגן וועל איך אָפּגעבן דעם עלטסטן זון, און דעם יינגערן וועל איך גאָר נישט געבן.

אַ גאַנצן טאָג איז די מוטער געזעסן און געוויינט, ווייל זי האָט דעם יינגערן זון אויך ליב געהאַט. נאָכדעם איז זי אוועקגעגאַנגען צום רָב פרעגן אַן עֵצָה, וואָס זאָל זי טאָן מיטן יינגערן זון, אַז ער זאָל נישט וויסן פון קיין נויט.

זאָגט דער רָב צו דער מוטער:

— ווייַן נישט, טאָכטערל, גיי בעסער אהיים און דערציייל דיין יינגערן זון, וואָס דער פאָטער האָט געזאָגט, ועסטו זען, אַז אים וועט אויך גאָר נישט פעלן.

די מוטער האָט געפאָלגט דעם רָב. ווען דער זון האָט דערהערט, אַז ער האָט זיך נישט וואָס צו פאַרלאָזן אויפן טאַטענס פאַרמעגן, האָט ער גענומען זיך לערנען מיט הַתְמָדָה. צו דרייצען יאָר, ווען ער איז געוואָרן בַּר־מִצְוָה, איז ער אוועק צו אַ בַּעַל־מְלָאכָה און האָט זיך גענומען לערנען אַ פאַך. ער האָט געאַרבעט זייער פלייסיג, און ער איז געוואָרן אַ גוטער און פאַרשטענדיגער בַּעַל מְלָאכָה. אַלע וואָס האָבן אים געקענט

האָבן איס ליב געהאַט, און יעדער האָט איס געגעבן אַרבעט. ער האָט געהאַט פּרנסה בכבוד, און איז אויך רייך געוואָרן.

און דער עלטערער זון האָט זיך געריכט אויפן פֿאָטערס רייכטום און האָט זיך נישט געלערנט און נישט געאַרבעט. נאָכן פֿאָטערס טויט האָט ער דעם פֿאָטערס פֿאַרמעגן אויפֿגעגעסן, און געבליבן אַן אָרימאַן.

גלייכוואָרט: אַ בעל־מלאכה שטאַרבט נישט פֿון הונגער

חוני המעגל.

אַמאָל האָט חוני המעגל, אַ פֿאַרצייטיגער יידישער געלערנטער, געריטן אויף זיין אייזל אין וועג, און באַגעגנט אַ מענטשן, וואָס האָט געפֿלאַנצט אַ באָקסער־בוים. האָט איס חוני המעגל געפֿרעגט: „אין וויפֿיל יאָר אַרום וועט דער בוים געבן פּרות?"

— ערשט אין זיבעציג יאָר אַרום—האָט דער פֿלאַנצער געענטפֿערט.

האָט חוני המעגל געלאַכט:

— מענש, איז עס דען מעגליך, אַז דו זאָלסט לעבן נאָך זיבעציג יאָר. און דו זאָלסט נאָך די זכיה האָבן צו עסן די פּרות פֿון דעם בוים?

האָט איס דער פֿלאַנצער אָפּגעענטפֿערט:

— איך האָב געפֿונען באָקסער אויף דער וועלט, און אַזוי ווי מיינע עלטערן האָבן געפֿלאַנצט באָקסער־ביימער פֿאַר מיר אַזוי פֿלאַנץ איך באָקסער־ביימער פֿאַר מיינע קינדער.



פעלד אַרבעט.

הערט נאָר, איר,
ענטפערט מיר,
ענטפערט מיר געטרייער;
זאָגט מיר דאָס:
מיט וואָס, מיט וואָס
אַקערט ער, דער פּויער?

— קום אַהער,
ס'איז נישט שווער
דיר ענטפערן געטרייער:
מיט דעם אַקער,
מיט דעם אַקער,
אַקערט ער, דער פּויער.

אַ יעגער אַ שלימזל.

אמאָל איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט אין די קינדערשע יאָרן נישט געלערנט, און האָט נישט געהאַט קיין שום פאַך, האָט ער געערבט אַ געוועלב פון אויבסט. האָט ער קיין קונים נישט געהאַט, און די אויבסט איז פאַרפוילט געוואָרן. איז ער געפאָרן אויף אַ יריד האַנדלען — האָט מען בײַ אים צוגעגנבעט זײַן סחורה. האָט ער געקויפט אַ קו, איז די קו געפּגרט.

וואָס טוט מען? האָט ער געקלערט, געקלערט און געפונען אַן עצה. ער האָט געקויפט אַ ביקס און איז געוואָרן אַ יעגער. דער יעגער איז געגאַנגען אין וואַלד און געשאָסן אין פייגעלעך, ווען די פייגעלעך צעפליען איידער עס האָט זיי געטראָפן די קויל. האָט ער געשאָסן אין אַ האָז, איז דער האָז אַנטלאָפן.

גייט דער יעגער טרויעריג אַהיים. אין וועג טרעפט ער אַ פויער, וואָס טראָגט אין אַ זאַק אַ לעבעדיגן פוקס.

— וואָס קאָסט ער? פרעגט דער יעגער.

— אַ טאָלער—זאָגט דער פויער.

— גוט, מאַכט דער יעגער, איך וועל דיר געבן וויפיל דו פאַרלאַנגסט, אָבער מיט דעם תנאי, אַז דו זאָלסט צובינדן דעם פוקס מיט אַ שטריקל צו אַ בוים, און איך וועל אים אויסשיסן, ווען מענטשן מיינען, אַז איך האָב אים דאָס געכאַפּט.

דער יעגער האָט באַצאָלט, און דער פויער האָט צוגעבונדן דעם פוקס צום בוים. דער יעגער האָט אויסגעשאָסן, נאָר די קויל האָט געטראָפן אין שטריקל און עס צעריסן, און דער פוקס איז אַנטרונען געוואָרן.

דער בער און דער יעגער.

עס איז געווען אמאָל א יעגער, וואָס האָט ליב געהאַט צו כאַפּן בערן. ער פלעגט אזוי טאָן: ער פלעגט אויסגראָבן גריבער, צודעקן זיי מיט דינע צווייגעלעך, און אויף די צווייגן פלעגט ער אָנשיטן ערד. און אז די בערן פלעגן דורכגיין, פלעגן זיי אריינפאַלן אין די גריבער. איינמאָל איז דער יעגער אליין אריינגעפאַלן אין אזא גרוב, און האָט נישט געקענט ארויסגיין פון דעם גרוב.

עס איז אריבער א ווײַלע, און א שרעק האָט אים ארומגענומען: א בער איז אריינגעפאַלן אין דער זעלביגער גרוב.

פון אָנהייב האָט דער יעגער גערעכנט צו דערשיסן דעם בער, נאָר ווי ער האָט גענומען אָנשטעלן די ביקס, האָט דער בער אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן און גענומען ברומען, און דעם יעגער האָבן זיך די הענט אראָפּגעלאָזן.

דאַמאָלס האָט דער בער זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע לאַפּעס, און מיט די פאָדערשטע האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט. אזוי האָט ער געטאָן עטליכע

מאָל און געקוקט אויפן יעגער, ווי איינער זאָגט: שטעל זיך אויף מיר, און קריך אַרויס פון דאַנען.

פון אָנהייב האָט דער יעגער מורא געהאַט, נאָר נאָכדעם האָט ער זיך געשטעלט דעם בער אויפן רוקן און איז אַרויס פון גרוב.

דער יעגער איז געשווינד אַוועק אין דאָרף, געבראַכט אַ לייטער און אַראָפּגעלאָזן אים אין גרוב און איז אַנטלאָפן.

אויף מאָרגן איז דער יעגער געקומען צום גרוב, איז די שוין געווען ליידיג: דער בער איז אויך אַרויס.

נאָך דער געשיכטע האָט דער יעגער שוין מער נישט געקענט כאַפּן קיין בערן. ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיין באַשעפטיגונג, און האָט זיך אויסגעלערנט אַן אַנדער פאַך, פון וועלכן ער האָט זיך דערנערט.



ל״ג בָעוֹמֶר.

ל״ג בָעוֹמֶר הײַנט! ל״ג בָעוֹמֶר הײַנט!
הינדעלעך, אַלאָ!
בײַ די פערדלעך נישט געדרײט זיך!
און דו, שמײַסער, װיאָ!

פיל קינדערלעך אין װעגעלע,
װי דער מאָן אין זאַק!
שמײַסער, דו, די לײצן נעם
און די בײַטש, און קנאַק!

אין דער לופטן יום־טובדיג,
קײן פערדעלע נישט ריר!
ל״ג בָעוֹמֶר הײַנט, ל״ג בָעוֹמֶר הײַנט־
מאַכמיר אַ שפּאַציר!

אַ שפּאַציר אין װאַלד אַרײַן
מיט די פײלנבױגן!
האָבן פײגעלעך דערזען,
און אַװעקגעפלױגן!

ל״ג בָעוֹמֶר.

אַמאָל איז געווען ביי יידן אַ גרויסער חָכָם, האָט ער געהייסן שִׁמְעוֹן בֶּן־יוֹחָאי; ער האָט אַ סך מענטשן געלערנט תּוֹרָה, און זיינע תַּלְמִידִים האָבן אים זייער ליב געהאַט.

אין יענע צייטן האָט אין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל געוועלטיגט אַ פרעמדער מֶלֶךְ. האָט מען אויסגעטראַכט אויף רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי אַ בִּלְבּוּל, און דער מֶלֶךְ האָט אים פאַרמִשְׁפֶּט צום טויט. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי איז אַנטלאָפן מיט זיין זון אֶלְעָזָר, און זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ הייל לעם דאָרף „בֵּית מְרוֹן״ אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

און טייטל־ביימער און פייגן־ביימער זענען אַרויסגעוואַקסן ביים אַריינגאַנג אין הייל, און אַ קוואַל איז געעפנט געוואָרן, און רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי מיט זיין זון האָבן זיך דערנערט מיט די פֵּרוֹת פון די ביימער און געטרונקען די וואַסער פון קוואַל. זיי זענען דאָרט געזעסן דריי און דרייסיג יאָר, און קיינער האָט נישט געוואוסט, וואו זיי געפינען זיך, ווייל די ביימער האָבן פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג אין הייל, און דער קוואַל האָט זיך אויסגעגאָסן און געוואָרן אַ טייך, און די ברעגעס זענען באַוואַקסן געוואָרן מיט גראָז און קוסטעס, און קיינער האָט נישט געוואוסט דעם וועג צום הייל.

נאָר די תַּלְמִידִים, גרויס און קליין, האָבן געוואוסט וואו זייער רֶבִּי געפינט זיך, און זיי פלעגן קומען שטילערהייט אַלע יאָר, ל״ג בָּעוֹמֶר, צו זען דעם רֶבִּין. זיי פלעגן נעמען מיט זיך פיילן־בויגנס, פיילן און שפייז אויפן וועג; און אַז עס פלעגט זיי טרעפן דער שׂוֹנֵא, און פרעגן: „וואוהין גייט איר?״ פלעגן זיי ענטפערן: „מיר גייען אויף יאַכט״. זיי פלעגן הערן פון רֶבִּין תּוֹרָה און זיך פרייען מיט אים אַ גאַנצן טאָג, נאָכדעם פלעגן זיי צוריק אהיים גיין.

דעריבער פייערן אַלע שול־קינדער דעם יום־טוב ל״ג בָּעוֹמֶר יאָר־יערליך ביז היינטיגן טאָג.

דער בריליאַנט.

אמאָל איז געווען אַ רָב. דער רָב איז געווען זייער אָרעם. עס איז ביי אים אין שטוב נישט געווען קיין שטיקל ברויט, קיין שייטל האָלץ, און אפילו קיין שטיקל ליכט. און דער רָב איז געזעסן טאָג און נאַכט און געלערנט. אין דער פינצטער האָט ער געלערנט און שטילערהייט געהאָוונט.

איינמאָל אין מיטן נאַכט, ווי דער רָב איז אַזוי געזעסן און געלערנט און תְּפִלָה געטאָן, דערזעט ער, אין שפּאַרע פון וואַנט שיינט עפּעס זייער העל. איז דער רָב צוגעגאַנגען צום וואַנט און דערזען, זייער אַ גרויסער בריליאַנט ליגט אין שפּאַרע און לייכט אויפן גאַנצן שטוב. דער צַדִיק האָט נישט געקענט פאַרשטיין, פון וואַנען קומט אַהער דער בריליאַנט, און וועמענס ער איז.

אין מיטן נאַכט איז נעקומען צו אים אֵלִיָהוּ הַנָבִיא צו חָלוֹם און האָט צו אים אַזוי געזאָגט: עס איז דאָ פאַר דיר צוויי וועגן: אָדער דער בריליאַנט, וואָס דו האָסט געפונען, זאָל בלייבן ביי דיר, און דו וועסט זיין זייער רייך, אָדער דו זאָלסט דעם בריליאַנט נישט נעמען, און דערפאַר וועט דיר גאָט געבן קינדער און אייניקלעך גרויסע לַמְדָנִים, און זייער חָכְמָה וועט לייכטן פאַר אַלע מענטשן. זאָגט דער צַדִיק: ווי קומט פאַר מיר עֲשִׁירוּת, איך וויל נאָר תּוֹרָה און חָכְמָה.

דער רָב האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער דערזען, ווי פונקען פליען פון דער שפּאַרע, ער איז צוגעגאַנגען צום וואַנט, אָבער דער בריליאַנט איז שוין דאָרט נישט געווען.

שבועות-מאַרש.

טראַ—לאַ—לאַ! טראַ—לאַ—לאַ!
גייען מיר אינאיינעם,
גייען מיר שפּאַצירן פֿײַן
אין אַ טאָג אַ שיינעם.

גייען מיר, פֿאַרנווײַז,
אַ צווילינג נאָך אַ צווילינג;
אײַ, איז עס אַ שבועות־טאָג!
אײַ, איז עס אַ פֿרילינג!

הויך דעם קאָפּ! גלײַך דעם פֿוס!
ווער עס קאָן, זינג אונטער!
טראַ—לאַ—לאַ! טראַ—לאַ—לאַ!
פֿריילעך זײַט און מונטער!

טראַ—לאַ—לאַ! טראַ—לאַ—לאַ!
גייען מיר צוזאַמען;
גלאַנצן אונז די אויגעלעך
און די באַקן פֿלאַמען.

וואו אַהין? וואו אַהין?
אין דעם גרינעם גאָרטן,
בליִען דאָרטן בלימעלעך,
בוימער וואַקסן דאָרטן...

בלימעלעך! בלימעלעך! —
מיר גייען נישט—מיר שוועבן!
טראַ—לאַ—לאַ—לאַ, לאַ—לאַ—לאַ!
אײַ, איז עס אַ לעבן!

גלײַכוואָרט: שבועות איז דער פֿעסטער יום־טוב.

די מַלְכָּה סי־לין־טשי.

אין דעם לאַנד כינע איז געווען אַ מֶלֶך מיטן נאָמען גו־אַן־טשי. איינמאָל זאָגט דער מלך גו־אַן־טשי צו זײַן ווײַב דער מַלְכָּה סי־לין־טשי: ליב ווײַב מײַנע! איך וואָלט וועלן, אַז מײַן פאָלק זאָל אייביג געדענקען דײַן נאָמען. נאַ דיר דאָס דאָזיגע קליין ווערעמל, היט עס, וועט דיך מײַן פאָלק אייביג בענטשן.



סי־לין־טשי האָט גענומען דאָס ווערעמל און האָט עס געהיט. זעט זי איינמאָל, אַז דאָס ווערעמל לאָזט אַרויס פון זיך אַזעלכע דינע פעדעם ווי שפּינוועבס און וויקלט זיך אַרום מיט זיי. האָט די מַלְכָּה גענומען די פעדעם, זי האָט זיי אויסגעשפּינט און געמאַכט גראָבע פאָדים. פון די פאָדים האָט זי נאָכדעם אויסגעוועבט אַ שיין טיכל; דאָס איז געווען די ערשטע זײַדענע טיכל אין דער וועלט.

די מַלְכָּה האָט זיך צוגעקוקט צום וואָרעם, און האָט באַמערקט, אַז ער עסט בלעטער פון מאָרווען־ביימער. האָט זי געהייסן דעם גאַנצן פאָלק, אַז יעדערער זאָל פלאַנצן עטליכע מאָרווען־ביימער בײַ זיך אין גאָרטן, כְּדֵי די זײַדן־ווערעם זאָלן האָבן וואָס צו עסן.

די מַלְכָּה האָט אויסגעלערנט איר גאַנץ פאָלק האָדעווען זײַדן־ווערעם און וועבן זײַדנס. האָבן אָנגעהויבן קומען אַ סך סוֹחרים פון אַלע לענדער אין מְדינות, זיי האָבן געבראַכט גאָלד מיט זילבער מיט בריליאַנטן, און דאָס אַלץ האָבן זיי אָוועקגעגעבן פאַר די זײַדנס. דערפון איז כינע גרויס און רײַך געוואָרן.

פון יענער צייט אָן איז שוין אַריבער פינף טויזנט יאָר. און ביז הײַנט געדענקען די כינעזער דעם נאָמען פון זייער מַלְכָּה סי־לין־טשי, און אַלע יאָר פײַערן זיי אַ טאָג צו איר אָנדענקען.

דאָס געבעט.

עס הערט זיך דער דונער פון ווייטן,
עס בלענדט אין די אויגן דער בליץ;
אָ, גאָט! האָב רַחמָנות—די אָרמע
פון בייזן געוויטער באַשיץ:

וואָס ארבעטן איצט אויף די פעלדער,
געפינען זיך ווייט פון דער היים,
און האָבן קיין אָרט, וואו זיך שיצן,
קיין שייַער, קיין דעכל, קיין בוים.

וואָס זענען אצונד אונטערוועגנס,
די פורן מיט מַשָׂא פארלייגט,
און ווייט איז פאר זיי נאָך אקרעטשמע,
און ווערן פון רעגן צעווייקט;

וואָס שטייען אין מארק מיט די קוישן
מיט עפל, מיט גרינס, און מיט ברויט—
און אלע, וואָס זענען איצט דרויסן,
וואָס טרייבט זיי דער הונגער און נויט:

און אלע, וואָס זענען פארוואָגלט,
וואָס האָבן קיין ווינקעלע ניט,—
די אלע פון בייזן געוויטער
באשירם זיי, גאָט, און באַהיט.

גאַנטסע קאָזאַק.

ווער גייט עס ווי אַ בלינדער און פרעגט בײַנאַכט אויף קינדער,
וואָס וויינען אין די וויגן און ווילן שטיל נישט ליגן?
דאָס איז דאָך גאַנטסע קאָזאַק, וואָס בלאָזט זיך ווי אַ בלאָז־זאַק,
און גייט אין רויטע הויזן און טראָגט אַ האַק אַ בלויזן.
ער האָט צוויי הויקער־פּלייצעס, און עסט אויף צוועלף המוציאס,
און טרינקט פון דרײַצן גלעזער, און האָט דרײַ לאַנגע נעזער,
צוויי הענט צו זיבן פינגער, דרײַ קעפּ מיט נײַן צינגער,
זעקס וואָנצעס לאַנג און שפּיציג, צוועלף אויגן רויט און בליציג,
צוויי פּיס צו דרײַסיג איילן און וואוינט אין טיפע היילן.
און ווי עס קומט בײַנאַכט נאָר, ווען טיר און לאָד פאַרמאַכט נאָר —
דאַן נעמט ער האַק און מעסער, און שאַרפט זיי גוט און בעסער,
פאַרוואַרפט זיי אויף די פּלייצעס, שפּאַנט איין דרײַ וועלף אָן לייצעס,
פאַראוים צוויי גראָבע דײַטשן, צוויי שלאַנגען פאַר צוויי בײַטשן,
צוויי בערן פון די זײַטן און לאָזט פון וואַלד זיך רייטן,
און, ווי ער קומט צום שטעטל, נעמט ער אַרוים אַ צעטל
און לייענט ווי אַ בלינדער די נעמען פון די קינדער,
וואָס וויינען אין די וויגן און ווילן שטיל נישט ליגן.
דאַן עפנט ער די טאָרבע, און גיט פון פלאַש אַ שאָרבע,
און לאָזט זיך גיין געבויגן מיט זוכנדיקע אויגן,
בלײַבט שטיין בײַ יעדן טויער און טוליעט צו אָן אויער,
און קלאַפּט אָן ווי אַ בלינדער: „דאָ וויינען קליינע קינדער״?
און ווי נאָר קינדער הערן אַ בורטשען פון דרײַ בערן,
באַלד נעמען זיי זיך שרעקן און איבער קאָפּ פאַרדעקן,
און בלייבן שווייגן אַלע, און בעטן נישט קיין חלה,
און ווילן נישט קיין פייער און ווערן ליב און טייער.
דאַן נעמט זיך גאַנטסע קאָזאַק, וואָס בלאָזט זיך ווי אַ בלאָז־זאַק,
און לאָזט זיך ווי אַ בלינדער צו זוכן אַנדערע קינדער.
נאָר טאָמער וויינען אַלע, און בעטן דווקא חלה,

און ווילן דווקא פייער, און זענען גרויסע שרייער,—
דאַן ווערט ער שטאַרק אין כעס און בילט און מאַכט חיות,
און גיט אַ רוף דריי שדים, און מאַכט אַ לאַך אין בוידים,
און כאַפּט די שלעכטע קינדער, און טראָגט זיי ווי אַ בלינדער,
און ברייננגט זיי אין די היילן און הייסט זיי בולבעס שיילן.
דאַן קאָכט ער אויף אַ קעסל, טרינקט בראָנפן פון אַ פעסל,
און נעמט דעם מעסער שאַרפן, און הייבט=אָן גורל וואַרפן,
פאַרשפאַרט די טיפע היילן און וויל זיי אַלע קוילן.
און ווי די קינדער זעען, וואָס דאָ וועט באַלד געשעען,
וואָס וועט פון זיי באַלד ווערן, פאַרגיסן זיי פיל טרערן
און הייבן אָן אים גלעטן און האַרצעדיג צו בעטן:
מיר זענען גוטע קינדער, און דו ביסט ווי אַ בלינדער.
מיר וועלן מיט דיר לעבן און העמדעלעך דיר וועבן,
און קישעלעך דיר נייען, און בלימעלעך דיר זייען,
מיר וועלן מער נישט וויינען, און מעשהלעך דיר לייענען,
און עסן דיר דערלאַנגען, און וויגן מיט געזאַנגען.
דערהערט עס גאַנצע קאָזאַק, בלאָזט אָן זיך ווי אַ בלאָז=זאַק,
און ווערט אַזאַ מין גוטער, און גיט זיי ברויט מיט פוטער,
און גלעט זיי אויף די קעפּלעך,
און גיט זיי זיבן טעפּלעך, און הייסט זיי קאָכן קרעפּלעך,
און הייסט די בעט צעבעטן, און הערט נישט אויף זיי גלעטן.
נו, קאָכן זיי אים קרעפּלעך, און וואַשן אויס די טעפּלעך,
און בעטן אויס די בעטן, און וויגן אים און גלעטן,
און ווי ער הייבט אָן שלאָפן,—גענומען און אַנטלאָפן.
געלאָפן איבער וועלדער, געלאָפן איבער פעלדער,
געשוואומען איבער ימען, געקומען צו דער מאַמען.
פון גאַנצען נישט געטראַכט מער און נישט געוויינט ביינאַכט מער.

די מַעֲשֶׂה מיטן רָבס זון.

אמאָל איז געווען אַ רָב מיט אַ רֶביצן, האָבן זיי קיין קינדער נישט געהאַט, האָבן זיי טאָג און נאַכט געוויינט, און פאַרלאַנגט צו האָבן אַ זון. איז געקומען צו זיי אַן אַלטער מאַן, און האָט זיי געזאָגט, אַז זיי האָבן נישט קיין קינדער, ווייל מען וויל זיי קיין צַער נישט פאַרשאַפן, וואָרום דאָס קינד, וואָס וועט ביי זיי געבאָרן ווערן, מוז דעם טאָג, וואָס ער וועט אַלט ווערן זעכצן יאָר, געהַרגעט ווערן דורך אַ דונער. איז אויב זיי זענען צופרידן מיט דעם גזֵר, וועט ביי זיי געבאָרן ווערן אַ קינד.

האָט דער רב מיט דער רביצן געענטפערט, אַז זיי זענען צופרידן. וואָס עס וועט זיין אין זעכצן יאָר ארום—זאָל זיין!

האָבן זיי געהאַט אַ זון. דאָס קינד איז געוואַקסן שיין און גוט און קלוג. דאָס קינד איז עלטער געוואָרן און האָט אָנגעהויבן גיין לערנען. וואָס ווייטער אַלץ בעסער. און ווער עס האָט דעם קינד געקענט, האָבן זיך אַלע געפרייט און מען האָט אים זייער ליב געהאַט. נאָר זיינע עלטערן האָבן טאָג און נאַכט געוויינט, דאָס קינד זאָל בלייבן לעבן.

דאָס יינגל האָט באַמערקט, אַז טאַטע-מאַמע זענען אַלץ פאַרוויינט און פאַראומערט. האָט ער זיך געוואונדערט: אַלע מענטשן, וואָס קאָנען אים, פרייען זיך מיט אים, און זיינע טאַטע-מאַמע, ווערן אַלץ מער פאַרטרויערט.

איינמאָל האָט ער געפרעגט זיינע עלטערן, פאַרוואָס זיי וויינען אַזוי פיל. די עלטערן האָבן זיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָבן אים דערציילט די גאַנצע מַעֲשֶׂה. דאָס יינגל האָט זיי

אָבער געטרייסט, און האָט געזאָגט: לאָמיר האָפן, אַז איך וועל בלייבן לעבן.

אַז עס איז געקומען דער זעכצנטער יאָר, האָבן די עלטערן אויסגעבויט אַן אייזערנע שטיבעלע אין מיטן פעלד, און דאָס יינגל איז דאָרט געזעסן און געלערנט אַ גאַנץ יאָר.

נאָר ווען עס איז געקומען דער טאָג פון זיין געבאָרן, האָט זיך דאָס קינד אַזוי באַרעכנט: ווען עס איז מיר באַשערט געהרגעט צו ווערן, קען מען זיך נישט באַהאַלטן און איך וויל זיך נישט באַהאַלטן. און ער איז אַרויס פון דעם אייזערנעם שטיבעלע און האָט זיך געזעצט לערנען אויפן פרייען פעלד. דערווייל איז אָנגעגאַנגען אַ כמאַרע, מיט גרויסע שוואַרצע וואָלקנס, און עס האָט אָנגעהייבן דונערן און בליצן, און עס איז געוואָרן אַ גרויסער רעגן. מיטאַמאָל האָט אַ זעץ געטאָן אַ גרויסער דונער און סאיז אַריין אין דעם אייזערנעם שטיבעלע. דאָס שטיבעלע איז צעבראָכן געוואָרן אויף קליינע שטיקעלעך, אַז עס איז נישט קענטיג געווען, אַז אויף דעם אָרט איז אַמאָל וואָס געשטאַנען. אַזוי־אַרום איז דעם רבס זון לעבן געבליבן און ער איז געקומען צולויפן אַהיים.

דער רב מיט דער רביצן האָבן זיך מיט זייער זון זייער געפרייט, און אַלע וואָס האָבן געקאָנט זייער זון, האָבן זיך אויך געפרייט, און מען האָט געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט און געטיילט געלט אָרעמע לייט.

פון דאַמאָלס־אָן האָט דער רב מיט דער רביצן געלעבט אין נחת און אין פריידן מיט זייער טייערן בן־יחיד.

דער מֶלֶך און דער רָב.

אַמאָל איז געווען אַ מֶלֶך און דער מֶלֶך האָט געהאַט זיבן זין און זיבן טעכטער. דער מֶלֶך האָט זייער ליב געהאַט זיינע קינדער, האָט ער זיי געקויפט שפּיל־כּאַלן, קיכעלעך, צוקערלעך, ראָזינקעס און מאַנדלען. יעדער זון האָט געהאַט אַ זייגער און אַ שווערד אויסגעזעצט מיט בּריליאַנטן. און יעדע טאָכטער האָט געהאַט טייערע קליידער און שיינע קרעלן.

איינמאָל איז צום מלך געקומען אַ גרויסער רָב, וואָס האָט געקענט די גאַנצע תּוֹרָה, פון טאָוול צו טאָוול, אויסנווייניג. דעם קלוגן רָב האָבן דאָס געשיקט די יידן צום מֶלֶך מיט אַ בַּקָשָׁה, אַז ער זאָל זיי לאָזן זיך באַזעצן אין זיין לאַנד, ווייל זיי האָבן געהערט, אַז דער מֶלֶך האָט ליב קליינע קינדער, האָבן זיי געקלערט, אַז ער איז אַ גוטער, און מִסְתָּמָא וועט ער זיין גוט צו זיי אויך.

דער מֶלֶך האָט זיי ערלויבט זיך באַזעצן אין זיין מְדִינָה. ער איז אָבער געווען אַ מֶלֶך אַ רָשָׁע, און האָט זייער ליב געהאַט געלט. ער האָט אַרויפגעלעגט גרויסע צינזן אויף די יידן, וואָרום יעדעס קינד זיינס האָט געהאַט אַסַך כנעכט. יעדע טאָכטער האָט געהאַט זיבן מאָל זיבן דינסטן, און אַלע טאָג פלעגן זיי שיקן פולע פעסעלעך מיט גאָלד אין מאַרק איינצוקויפן עסנווארג פאַרן גאַנצן הויף.

און וואָס אַ טאָג האָט דער מֶלֶך אַלץ מער געלט געפאָדערט פון די יידן; די ווידערשפּעניגע האָט ער געהַרגעט, די רייכע

האָט ער איינגעזעצט אין תּפיסה, און זייער פאַרמעגן האָט ער צוגענומען.

איינמאָל האָט דער מלך געשיקט רופן דעם רבֿ, וועלכער איז ביי אים שוין אַמאָל געווען און ערקלערט, אַז ער מוז אים הרגענען און ער האָט אים געגעבן דריי טעג צייט תּפלה צו טאָן. ער האָט. אויך מסכּים געווען צו ערפילן דריי פאַרלאַנגען, וואָס דער רבֿ וועט וועלן פאַרן טויט.

דער רבֿ איז געגאַנגען אַהיים און גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט האָט ער פאַרבראַכט אין תּפילות. צום סוף דריי טעג האָט ער געזאָגט דעם מלך זיינע דריי פאַרלאַנגען:

דער ערשטער פאַרלאַנג—מען זאָל אים געבן אַ האָן, וואָס האָט אין די פליגלען ווייסע און שוואַרצע פעדערן. דער צווייטער פאַרלאַנג—מען זאָל אים לאָזן אויסרייסן פון די פליגלען זיבן שוואַרצע פעדערן, דער דריטער—מען זאָל אים לאָזן אויסרייסן זיבן ווייסע פעדערן.

דער מלך איז אַליין געקומען צום רבֿ, ווייל ער איז נייגעריג געווען צו וויסן, וואָס וויל דער רבֿ טאָן פאַרן טויט. פאַרן רבֿס שטוב האָבן די יידן געוואַרט, כּדי צו ברענגען דעם טויטן רבֿ צו קבֿר ישׂראל.

דער רבֿ האָט גענומען דעם האָן אין האַנט, ער האָט מתפּלל געווען צו גאָט, און האָט אויסגעריסן איין שוואַרצע פעדער.

באַלד איז אַריינגעקומען דעם מלכּס אַ באַדינער און אָנגעזאָגט אַ טרויעריגע בשׂורה: דעם מלכּס בכור איז געשטאָרבן.

האָט דער רבֿ אויסגעריסן אַ ווייסע פעדער, איז אַריינגעקומען

דעם מֶלֶכס אַ דינסט און מיט אַ געוויין האָט זי אָנגעזאָגט, אַז דעם מֶלֶכס עלטסטע טאָכטער איז געשטאָרבן.

אזוי האָט דער רָב אויסגעפּליקט פינף מאָל צו שווארצע פעדער און פינף מאָל צו ווייסע פעדער, און יעדן מאָל איז אריינגעקומען אַ קנעכט אָדער אַ דינסט און געבראַכט אַ טרויעריגע בְּשׂוֹרָה, אַז ס'איז געשטאָרבן אַ זון אָדער אַ טאָכטער פון מֶלֶך.

דאַמאָלס האָט דער מֶלֶך פארשטאַנען, אַז דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט. ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם גרויסן קאָפּ אויפן ברוסט און זיך צעוויינט.

איך בעט דיך, רֶבִּי, האָט ער געזאָגט מיט אַ געוויין, לאָז מיר לעבן מיינע לעצטע צוויי קינדער, וועל איך גוטס טאָן דיר און אַלע יידן.

האָט דער רָב זיך דערבאַרעמט אויפן אומגליקלעכן מֶלֶך, און האָט אים געלאָזן לעבן זיינע צוויי קינדער. און פון דאַמאָלס־אָן איז איבערגעקערט געוואָרן דאָס הארץ פון מֶלֶך, און ער האָט געטאָן גוטס אַלע יידן.

דאָס וואונדערלעכע מילכל.

מיט אַ סַך יאָרן צוריק האָבן אויפן ברעג יָם געוואוינט צוויי ברידער, אַ רַייכער און אַ אָרעמער. איינמאָל עֶרֶב פֶּסַח איז ביַים אָרעמאַן אין שטוב נאָך גאָרנישט געווען צוגעגרייט אויף יום־טוב: נישט קיין פלייש, נישט קיין וויַין, און אַפילו קיין שטיקל מַצָה איז ביַי אים אין שטוב נישט געווען. איז דער אָרימער ברודער אוועק צום רַייכן, און אים געבעטן, אַז ער זאָל אים העלפן אויף יום־טוב.

דער רײַכער איז געווען אַ קאַרגער און אַ שלעכטער, זאָגט ער צום אָרימען ברודער אַזוי:

— שווער זיך, אַז דו וועסט מיר פאָלגן, וואָס איך וועל דיר איצט זאָגן, וועסטו קריגן בײַ מיר אַ געבראָטענע הון.

דער אָרעמער האָט זיך דערפרייט, ער וועט האָבן וואָס צו געבן עסן זײַנע קינדער, האָט ער געדאַנקט דעם ברודער און האָט זיך געשוואָרן, אַז ער וועט אים פאָלגן.

דער רײַכער ברודער האָט אים געגעבן די געבראָטענע הון און דערבײַ געזאָגט:

— איצט גיי צום טײַוול!

דער אָרעמאַן האָט געקלערט: מילא, איך האָב געשוואָרן, וועל איך מײַן שְבוּעָה מְקַיים־זײַן.

דעם גאַנצן טאָג איז דער אָרימאַן געגאַנגען און געזוכט. און ערשט פאַרנאַכט האָט ער דערזען פון ווײַטן אַ שײַן פון אַ ליכט. ער איז צוגעגאַנגען צו דעם אָרט, וואו עס האָט געלויכטן און האָט דאָרט באַגעגנט אַן אַלטן מאַן.

— גוטן אָוונט, אַלטיטשקער!

— גוטן אָוונט, גוט יאָר! — וואָס זוכסטו דאָ?

— איך זוך דעם טײַוול, מײַן ברודער האָט מיך געשיקט צום טײַוול.

— דאָ וואוינט טאַקע דער טײַוול, — האָט דער אַלטער געענטפערט — גיי אַרײַן אינעווייניג, און אַז מען וועט וועלן קויפן בײַ דיר די הון, זאָלסטו פאַרלאַנגען פאַר איר דאָס קליין מילכל, וואָס שטייט אין ווינקל; וואָרום דאָס מילכל איז די טײַערסטע זאַך, אַז דו וועסט זי קריגן, וועל איך דיר אויסלערנען, ווי זיך באַגיין מיט איר.

אַזוי איז טאַקע געשען. די שֵדים האָבן דערזען די געבראָטענע הון, האָבן זיי אים אַרומגערינגלט און געוואָלט דוקא אָפּקויפן בײַ אים. ער האָט אָבער אַנדערש נישט געוואָלט, ווי דאָס מילכל, האָבן זיי אים געגעבן דאָס מילכל. דער אַלטיטשקער האָט אים געוויזן, וואָס ער האָט צו טאָן מיט איר, און ער איז געגאַנגען אַהיים.

אין דערהיים האָט ער אַוועקגעשטעלט דאָס מילכל אויפן טיש,

ער האָט אַ דריי גערטאָן אַ רעדעלע, און דאָס מילכל האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבען פון זיך, וואָס נאָר זײַן האַרץ האָט געגלוסט. פון אָנהייב האָט ער געוואָלט אַלע מיני=מאַכלים און געטראַנקען, נאָכדעם—נײַע בְּגָדִים, דערנאָך—זילבער און גאָלד, און אין איין מינוט איז דער אָרעמאַן רײַך געוואָרן.

דער רײַכער ברודער האָט זיך דערוואוסט פון גליק, וואָס האָט געטראָפן זיין ברודער דעם אָרעמאַן, האָט ער אים זייער מְקַנא געווען; ער איז געקומען צום ברודער און גענומען אים אײַנריידן, אַז ער זאָל אים פאַרקויפן דאָס מילכל. ער האָט אַזוי לאַנג גערעט, ביז דער ברודער האָט אים דאָס מילכל פאַרקויפט פאַר זייער אַ סך געלט.

דער רײַכער ברודער האָט געבראַכט די מילכל אַהיים. ער האָט אָבער פאַרגעסן צו פרעגן בײַם ברודער, ווי זיך צו באַגיין מיטן מילכל.

אינדעם איז געקומען זײַן ווײַב און געזאָגט, אַז זי באַדאַרף זאַלץ. דאָס מילכל האָט אָנגעהייבן צו שיטן זאַלץ, און וואָס ווײַטער איז אַלץ מער געגאַנגען זאַלץ. און דער ברודער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי אָפּצושטעלן דאָס מילכל און די זאַלץ איז אַלץ געגאַנגען. עס איז שוין פול געוואָרן די שטוב מיט זאַלץ, און די זאַלץ האָט זיך שוין אָנגעהייבן שיטן אויפן גאַס. אויך די גאַס איז פול געוואָרן מיט זאַלץ. האָט געזען דער רײַכער ברודער, אַז עס וועט באַלד דערגיין די זאַלץ ביזן דאַך, און ער וועט נישט האָבן וואו צו אַנטלויפן, האָט ער געכאַפּט און אַרײַנגעוואָרפן דאָס מילכל אין יַם אַרײַן.

פון דאַמאָלס=אָן שטייט דאָס מילכל אויפן גרונט פון יַם און שיט זאַלץ, דעריבער איז דאָס וואַסער פון ים געזאַלצען.